# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 28 - Jaunary 1962 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/34b362xb

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 28(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1962

### Copyright Information
Copyright 1962 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

# 28

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

שבט, ה'תשכ"ב ∽ יאַנואַר, 1962

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

## אינהאַלט:


אלף כּץ: דריי לידער פון די צוואַנציקער — 3
מלכה חפץ טוזמאַן: „די קרוין פון דער ערד" (ליד) — 4
א. ש. שקאָלניקאָוו: „ניטאָ קיין צוואה"; „מיט לײדיקע הענט" (לידער) — 5
יחזקאל בראָנשטיין: „אַ דיכטער אין טאָגן" (עסיי) — 6
אסתר שומיאַטשער הירשביין: „די זון גייט אויף אין אַ טראָפּן טוי" (ליד) — 10
ז. בוגין: „חג שמח" (פון דער סעריע ישראל־לידער) — 11
י. פרידלאַנד: „יונה דער וואַסער־פירער" (דערציילונג) — 12
פּינטשע בערמאַן: „אַ יידישער דיכטער"; „עס וויינען די בערג" (לידער) — 19
יהושע ריווין: „מיין טאַטנס ברכה" (ליד) — 20
מאַטעס דייטש: „לעגענדע און פּאָעט" (עסיי) — 21
לוי גאָלדבערג: „זייט ביי זייט" (ליד) — 28
חנה סאָלאָוו: „דער גורל פירט בלינד" (ליד) — 28
נח גאָלדבערג: „די מאַמע" (דערציילונג) — 29
לאָטי פּ. מלאך: „לאָ פּאַם בראַון" (דערציילונג) — 33
יצחק ניומאַן: דער ספר בן־סירא (עסיי) — 39
גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: „די האַנט האָט ניט אויסגעהיט" (דערציילונג) — 42
משה צוקער: „אידעאַלן און פּראַקטיק" (עסיי) — 46
משה וייסמאַן: „פון חיפה ביז כנרת„ (אימפּרעסיע) — 48
נחמיה קליין ע"ה: וועסטלייק פּאַרק אין לאָס אַנגעלעס (בילד) — 50
א. באַביטש: פּעדער־שפּריצן — 52
ליטעראַרישע נאָטיצן — 53
די געווינער פון די ליטעראַטור־פּרעמיעס פון פרידלאַנד פאָנד — 56
נעקראָלאָגן — 57
נייע ביכער; פאַרשידענעס — 60-58



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכּוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 1246 N. Orange Dr. - Hollywood 38, Calif.

108


# חשבון


• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

8טער יאָרגאַנג, נומ. 28 • שבט תשכ"ב • יאַנואַר 1962 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**אלף כּץ**

## דריי לידער פון די צוואַנציקער

### דאָס ריכטיקע וואָרט

דאָס ריכטיקע וואָרט וועז מיר מוזן דערהערן,
שטראַלט-אויף ווי אַ ליכט אין אַ פינצטערער נאַכט,
וואָס צינדט פאַר אונדז אָן די לבנה און שטערן
און פירט אונדז צו וואונדער נאָך קיינמאָל געדאַכט.

### ניט־געשריבענע לידער

גאָלדענע פייגל אויף זילבערנע צווייגן,
וואָס זיצן פאַרשטומטע אין אָפענע שטייגן
און וואַרטן מיט פליגל פאַרמאַכטע און דרימלען
פון פליען אין נאָך ניט געעפנטע הימלען.

### קול קורא במדבר

אויף עלנטע מצבות, אויסגעשטעלט ווי מענטשן,
זינגען אויסגעשטרעקטע הענט און בענטשן
אַ ברכה, אַ געזאַנג פון אונטערערדישן געביין,
אָבער קיינער הערט ניט די צעשטראַלונג פון דעם שטיין.

מלכה חפץ טוזמאַן

# די קרוין פון דער ערד

„. . . און גאָט האָט גערופן די יבשה ערד.״

און מיין אָטעם איז דער אָטעם פון דער ערד,
מיין בלוט איז דאָס בלוט פון דער ערד,
און איך בין די קרוין פון דער ערד.

„און גאָט האָט גערופן דעם אייבערשטן אויסשפּרייט, הימל״
און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט :
„די ערד איז דיינע
און אַלץ אויף איר איז פאַר דיין וואוילטאָג ווען.
דערקען זי און שפּאַן אַרום אויף איר מיט ליבשאַפט.
ס׳איז מלא וואונדער
איר יעדע לעבעדיקע זאַך און יעדע פלאַנץ באַזונדער.

דער הימל —
ער איז מיינער. מיינער.
און זיין זאָל דיין גבול אין די רוימען
גלייך מיטן שפּיץ פון דיין קוימען.
אויף אַ האָרעלע ניט העכער פון דיין קוימען.״

האָב איך פאַר אים געטאָן זיך אַ פאַרנויג
און שוין דערביי
אַרומגעכאַפּט די העכסטע הייכן מיט אַ ווינקל־אויג . . .

האָט גאָט דער גערעכטער — מיין מעכטיקער חבר
געצאָרנט.
און אָוועקגעשנאָלט פון מיר דאָס „ערשטע וויסן״
און באַפוילן די מלאָכים
תיכף דעם הימל פאַרשליסן.

און איך — די קרוין פון דער ערד —
אָפּגעריסן פון גערענקען,
האָב געטאָן אַ פאַל אַרונטער, האַרט און שווער,
און איך ליג אַזוי שוין אייביקייטן קראַנק מיט הימל־בענקען.

און איבער מיר רק ציען, ציען
זיפצן, אַכן און געוויינען ;



יאָמערן און צוויטשערן און ברומען
רונד אַרום מיין שטומען.

אַמאָל עס טרעפט
אין אַ וויסטער נאַכט,
ווען עס וויינט דער קלענסטער שטערן,
מיר דאַכט :
ס׳פאַרנעמט מיין אָנגעשפּיצטער הערן —
ער אין זיין דערבאַרעמען געוועינט
לייכטער פון אַ ווינטלינג, שטיל ווי גראָז
און אָפּטאָן וועט מיין גאָט
דעם שנאָל פון מיין נאָז . . .

---

א. ש. שקאָלניקאָוו

# ניט קיין צוואה

איך וואָלט דיך צוגעגרייט
צו מיין גראָזיקער פרייד;
וועסטו דאָך ניט קומען
ווען דער תמוז וועט זשומען,
נעמען פון מיין רו־צייט
אַ גרעזעלע זייד.

וועסט אפשר זיך טראַכטן
אין רעגנדיקע פאַרנאַכטן,
ווי אַ שעפּס אין פעלד אַליין —
אַז ערגעץ שטייט אַ שטיין
גראָ, ווי דיין געמיט שווער
און הערט פאַלן דיין טרער.

# מיט ליידיקע הענט

איך קום מיט ליידיקע הענט,
אָן הייליקע מתנות צו דיר;
מיט אויגן פאַרמאַכט, פאַרשעמט,
אָן אַ פרום לשון אין מיר.

איך קום זיך לייגן דאָ
אין סדר, מיט אַ טלית פאַרדעקט,
אַז די גופיקע, זינדיקע שעה
ווערן זאָל פון הי אָפּגעמעקט.

יחזקאל בראָנשטיין

# אַ דיכטער אין טאָגן

## (אַברהם סוצקעווער: אָאַזיס)

אַ קליין בוך, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט איכות און תוכן, איז אַ ברכה פאַר אַ דיכטער אין אַלגעמיין, אַ דיכטער אין טאָגן — ווי אַברהם סוצקעווער איז — אַוודאי און אַוודאי.

די דיכטונג וואָס איז עכט, נויטיקט זיך נישט אין קיין רעקלאַמעס פון קיינעם, אפילו נישט אין די גוט־מייַנענדיקע כוונות פון אַן אָביעקטיוון ליטעראַטור־קריטיקער, ווער ער זאָל ניט זיין און וואָס ער זאָל מיט זיך ניט פאָרשטעלן.

די דיכטונג וואָס איז עכט, איז אַלעמאָל קאַפּאַבל צו שטיין אויף די אייגענע פיס. מיט דעם כוח פון איר אייגענעם פאַרנעם, גיט זי זיך אוממיטלבאַר איבער דעם געניטן לייענער און געניסער פון עכטער דיכטונג, ביז שיכרות.

עכטע דיכטונג האָט קיינמאָל נישט ליב זיך צו פוצן אין פרעמדע פעדערן — פוסטער רעטאָריק, וואָס איז בלויז געניגט צו פאַרדעקן די אימפּאָטענץ פון „דיכטער" אין קלאַמערן.

צוליב דעם, דוכט מיר, באַדאַרף אַן עכטער דיכטער ניט זיין להוט און לגמרי ניט פאַראינטערעסירט זיך צו יאָגן נאָך כמות אין ז י י ן דיכטונג. און אָפּגעזען דערפון, וואָס אפילו ביי אונדזערע סאַמע פראָמינענטסטע דיכטער מערקט זיך דווקא יאָ אַ טענדענץ אַרויסצוגעבן גראָבע, פילזייטיקע לידער־ביכער, וואָס ווערן צוליב דעם גופא זעלטן ווען געלייענט, איז פאַר מיר פערזענלעך די פריידיקסטע איבערלעבונג זיך צו באַהעפטן און אויפנעמען די דינסטע לידער־ביכער פון פאָעטן, אין אַלגעמיין.

אַ דאַנק דעם, וואָס כמעט אַלע ביז איצטיקע דיכטערישע שאַפונגען פון אברהם סוצקעווער זיינען געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון איכות און נישט כמות, איז זיין לידער־בוך אָ אַ ז י ס נאַטירלעך, אויך נישט קיין אויסנאַם.

דער גאַנצער בוך זיינער באַשטייט סך־הכל פון אַכט און אַכציק דורכשניטלעכע דרוק־זייטן. און די לידער און פּאָעמעס זיינע, דערצו נאָך אַ היבשע צאָל קורץ־שורהדיקע לידער — זיינען קוואַנטיטאַטיוו אויך קליין.

סוצקעווערס ראָל אין אונדזער הייַנטצייטיקער דיכטונג, ווי דער אומדער־שראָקנסטער און דער געוואַגטסטער זינגער־און־באַזינגער פון יידישער העראָאיק, אויף דער פאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק, טיילט זיך דער עיקרשט אויס מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין פערזנגעבוי, וואָס האַלט זיך אָגב אין איין באַנייען מיט דער עשירות פון זיין לעקסיק, בילדלעכקייט, פאָרם און אינהאַלט, המצאות פון גראַמען, שפּירעוודיקסטער זעעוודיקייט, און אַן אויסלייג פון מוזיק אין לשון. קיינער פון זיינע קריטיקער, מיין ווייניקייט אַריינגערעכנט — האָט עס אַזוי ביט פאַרשטאַנען און אונטערפּרעטירט וויר ער גופא, דערצו נאָך אויף אַ פּאָעטישן און גאָר געלונגענעם אופן, ווי ער טוט עס אין זיין ליד „דער בלינדער מילטאָן", אין וועלכן ער זינגט טיילווייז אַזוי:



צו פיר און פערציק יאָר
בין איך געשלאָגן
מיט זעעוודיקייט. ווי אַ גייזער שלאָגן
אין מיר די בלוטן פון אַ דור.

אָט־די זעעוודיקייט זיינע דינט אים ווי אַן עמוד האש, צו באַלייכטן דעם חושך פון זיינע טראַגישסטע איבערלעבונגען און אויך דעפיניטיוו קלאָרע זעאונגען, וואָס האָבן זיין דיכטונג דערהויבן צו אַן אָריגינאַליטעט, וואָס האָט דעם כוח צו געבן אַן אויסדרוק ניט נאָר די דינסטע ניואַנסן און איבערלעבונגען פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש, נאָר אפילו אויך דעם דומם, וואָס רייצט זיין פאַנטאַזיע און באַקומט ביי אים אַ פאַרשטענדלעכן לשון אין דעם אויסלייג פון וואָרער דיכטונג.

דער אימאַזש זיינער ווערט ביי אים אויף אַזוי פיל פאַר'שכלט און פאַרבילדלעכט אין דעם לבוש פון לשון און ריטעם, וואָס לייגט זיך ביי אים אויס אין דעם אויפזונג פון מוזיק, אפילו אין ד ע ר שפּאַלטונג פון ווערטער, וואָס אַקצענטירן און וואַריאירן גלייכצייטיק די שפּילעוודיקייט פון זיין ליד, וואָס באַצוועקן, דעמאָנסטראַטיוו פון זיך אַרויסצוקריגן דעם צויבער פון דיכטונג, וואָס באַדאַרף, איז און מוז זיין עכט און אָנרעגנדיק געגוג, אויפצופּאַסן דאָס לעבן אין דער גאָרער שיינקייט און אַנטפּלעקונג פון ד ע ר יצירה. צוליב דעם זיין דעוויז:

בדמיך חיי —
אין דיין ליד זאָלסטו לעבן!

וואָס ער, סוצקעווער, איז מקיים ווי אַ דיכטער אין טאָגן, מיט טאַלאַנט און געוויסנהאַפטן איינשטעל לגבי די נויטן פון ז י י ן דור און תקופה, אין וועלכן אים איז באַשערט צו לעבן, ליידן, שאַפן און ווירקן.

די טעמאַטיק פון זיין לידער־בוך אָאַזיס איז אויף אַזוי פיל קאָלירפול און פאַרשידנאַרטיק, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך אפילו פאַר אַ דערפאַרענעם לייענער און אָפּשאַצער פון ליטעראַטור־ווערטן איר אָפּצושאַצן און פאַראייַנהייטלעכן אונטער דעם אָנלען פון איין דאַך.

אַזוי, למשל, אָטעמען די לידער אויף דעם נאָמען פון בוך: אָאַזיס, און אויך די פּאָעמע „אין ווייַנקעלער", מיט דער מיסטישער שיינקייט פון אַ ליריקער, וואָס אפּערירט מיט אימאַזשן און סימבאָלן, וואָס זיינען אין זיך כולל דעם ווייטיקדיקן צובונד פון דעם דיכטער צו דעם לעבן, וואָס כאָטש עס איז דורכאויס טראַגיש און איינמאָליק, צוליב דעם גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט — טויט, וויל ער פונדעסטוועגן אפילו

... אויסזויגן פון דיר דיין טויט, אַז דו זאָלסט אייביק לעבן,
אַז איך אַליין זאָל ווערן אַ געמיש
פון דו און איך. און פילן אין די ערדענע געוועבן:
געזעטיקט רוישט אין מיר דיין טויט, מיט פורפורנעם האַשיש.

און די תפילה פון זיין האַרצן איז:
באַהאַלט זיך אין מיין ליד..

וואָס דאָס גיט זיך אים טיילווייז אויך איין אין אַ גרויסער צאָל פריערדיקע און אויך איצטיקע לידער זיינע, וואָס זיינען מאָנומענטאַל אין זייער געבוי און פאַרנעם אויף דער פאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק, און זיי זיינען גלייכצייטיק אויך אַדורכגעזעלט מיט דער פרייד פון נס־ישראל — וואָס זיינען וואָגיק אין אינהאַלט און פאַרנעם, איידל קינסטלעריש אויסגעפירט.

איין זאַך איז קלאָר שוין פון די ערשטע פערזן פון זיין בוך, אַז אָפּגעזען פון זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען אין זיין דיכטונג, שפּרודלט ער נאָך אַלץ מיט עיקרדיקע, אייגנטלעך — בראשיתדיקע פאַרלאַנגען פון זיך גופא אויף גאָר אַ דינאַמישן שטייגער. ער זינגט למשל:

לערן זיך ביים ווינשטאָק: שאַפן, שאַפן,
איינזאַפּן דעם גאַנצן ווייַן פון איטלעכער מינוט.
שטענדיק פּילן: זויבערע, מעלאָדישע געלאַפן,
רעגנס מאַכן צייטיק יונגע טראַפן,
שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט
און — שאַפן.

וואָס אין סוצקעווערס פאַל מיינט עס: אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער צו באַנייאונג אויף אַלע מעגלעכע אופנים; זיך קיינמאָל נישט באַניגענען מיט דעם דער־גרייכטן, נאָר ווייטער גיין אין שפּאַן פון יצירה, אַלעמאָל שטרעבן צו נייע דערגרייכונגען און ערשט —

... דין באַשיידן: אין טויזנט יאָר אַרום . . .

ווייל אין אים פיבערן נאָך אומאויפהערלעך

קיינעמסדיקע נייע הימנען — אָדערן פון שוויגן,
ציען מיך מיט דייער ניט־אַנטזיגלטן געשלעכט.

און אָט־די נייע הימנען וואָס ציען אים מיט זייער ניט־אַנטזיגלטן געשלעכט, זוכן און געפינען טאַקע אַ נייעם תיקון אין דעם אויפזינג פון זיינע איצטיקע, און האָפנטלעך אויך אין זיינע נאָכקומענדיקע לידער.

זיין נייגונג זיך איינצולעבן און פאַרטיפן זיך אין וועלטן אַנדערע, ווי חיות, דומם, און ניט־אָרגאַנישע אָביעקטן, סטימולירן אים ניט זעלטן צו שעפעריש־קינסטלערישע מעשים, וואָס באַווירקן זיין פאַנטאַזיע, לעקסיק און אומגעוויינ־לעכער קאָמבינירונג פון ווערטער, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט זייערע דער־גרייכטע רעזולטאַטן, אין געלייטערטע פערזן.

פון אַזאַ כאַראַקטער, למשל, זיינען די לידער זיינע, א.ג. „ווערטער אין שווייגנס", וואָס דער לייענער באַדאַרף זיך אַליין באַמיען זיי צו לייענען און באַנעמען זייער זינלעכע שיינקייט, אפילו אָן דעם פירוש און אויסטייטש פון דעם בעסטן אָפּשאַצער פון ליטעראַטור־ווערטן — אַ קריטיקער.

דער דאָזיקער כלל איז אַגב אויך גילטיק פאַר דעם גאַנצן בוך **אָאַזיס**.

די „צוויי באַלאַדעס וועגן מיין קינדהייט", זיינען אַ מוסטער־און־מייסטער־האַפטער המשך פון סוצקעווערס וואונדערלעכער פּאָעמע פון זיין קינדהייט — סיביר, וואָס דער קולטור דעפּאַרטמענט פון דער יונייטעד ניישאַנס האָט ערשט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.



די פּאָעמע א.ג. „איבער מיין זכרון" — ס'איז אַ גבורהדיקער לירישער אויס־גוס אין פּאַטאָס, פון אַ באמת גרויסן פּאָעט!

אָט־די פיר פּאָעמעס, פיבערן ממש מיט פאַרצייטיקן פּאַטאָס פון הייגט־צייטיקן פּיוט!

וועלף מיט אָפּגעפליקטע לאַפּעס, וואָיענדיקע ווידויס.
ערגעץ גוססט, אָן אַ מויל, אַ מענטשן־קול ביחידות.

אָט־די קרעפטיקע אויסגעשרייען אין רייפע, אויסגעהאַמערטע פּאָעמעס, זיינען דער קאָנסעקווענטער המשך פון סוצקעווערס איבעראַשנדיקע געטאָ־לידער, וואָס האָבן אים געקרוינט ווי איינעם פון די ווירקזאַמסטע און אָנגעזעענ־סטע מקוננים פון אונדזער גרעסטן חורבן.

פון אַ באַזונדערן אינטערעס און טיילווייז ארץ־ישראלדיקן כאַראַקטער, זיינען די לידער סוצקעווערס, א. נ. „באַרעגנטע ליפּן."

זיין באַהעפטן זיך צו דעם בעל־התהילים, דורך דעם אויפזינג פון זיין „אַ מיזמור אין עין־גדי" —

איך בלאָנדזשע אין דיין פורעם.
איך גיי אין דיינע אָדערן.
עס קלאַפּט מיין האַרץ אין דיינס.
איך בין אַ תפילה אָנגעטאָן מיט וואונדן,
ווי אַ בוים
איז אָנגעטאָן מיט פייגל אין אַ שטורעם.

גיט צו דעם ליד דעם רייץ און די האַרציקייט פון אַן אמתן תהילים־געזאַנג, אין דעם לבוש פון הייגטצייטיקן יידיש־לשון, וואָס איז שוין לאַנג ניט הינטערשטעליק לגבי דער עשירות פון אַלע אַנדערע וועלטלעכע שפּראַכן פון אַ הייגטצייטיקן קולטור־מענטש איבער דער גאָרער וועלט.

די זעלטענע שיינקייט און זינלעכקייט פון אָט־דעם ליד און אַ צאָל ענלעכע לידער, ווי „אין וואַדי־פיראַן", אָטעמען מיט תנ"כ'ישער סביבה, וואָס ציטערט אויף דיין האַרץ מיט אַ בענקשאַפט נאָך דעם קדמון פון בראשית, ווייל —

דאָ לעבט נאָך אַ לשון, וואָס דאַרף ניט קיין ליפּן,
דאָ שטוינט נאָך אַ שטיין צום אַרויסשלאָגן וואַסער.
און איך בין געקומען מיט דעם זיך פאַרקניפּן,
און לעשן אין וואַסער אַ נייַ קול־מבשר.

**און ווייטער:**

און מיינע שוואַרצאַפּלען, צום פאָלק נע־ונד'ע,
זיי גיסן זיך איבער פון קלאַנגיקער פילקייט.
ווי לעבעדיק בלוט איז נאָך וואַרעם דער וואַדי.
אַ שטיינאָדער קלאַפּט אין פאַרזיגלטער שטילקייט.

סוצקעווערס פאַרקניפּן זיך מיט דעם תנ"כ'ישן... לשון, וואָס דאַרף ניט קיין ליפּן... דאָס איבערגיסן זיך פון זיינע שוואַרצאַפּלען... פון קלאַנגיקער פילקייט... איז מער ווי אַ ברכה, גרויסער געווינס און דערגרייכונג פאַר אונדזער יידיש לשון און קאַלירפולער דיכטונג, ווי פאַר אים גופא — אונדזער געקרוינטער דיכטער אין טאָגן.

**אסתר שומיאַטשער־הירשביין**
(חיפה, ישראל)

## די זון גייט אויף אין אַ טראָפּן טוי

לרחל ינאית בן־צבי

די זון גייט אויף אין אַ טראָפּן טוי,
צעפּעדערט רוישן לולב־בלעטער;
עס טראָגט זיך מיט אַ זשום פאַרביי אַ געלע בין,
דער בלויער בעכער וויקלט זיך אין מאָרגנבלוי,
מיט האָניק אָטעמט דער זשאַסמין,
מיט פּורפּורגאָלד די בוגענווילע קלעטערט —
וואַך אויף, מיין פאָלק, וואַך אויף און זינג.

עס שרייט צום הימל אַ רויטע בלום,
דאָס צינגעלע אין בעכער טאַנצט און ווינט
אין כוואַליענדיקן אויפבלי פון דער זון.
דאָס פעלד מיט געלע לייב־ציינדלעך צעגרינט
אין טוי פון בראשיתדיקן אינדערפרי — — —
וואַך אויף, מיין פאָלק, וואַך אויף און זינג.

דער טאָג איז גאָלדיק און גרין זיינע בלעטער,
און זיס איז דאָס וואָרקען פון דער ווילדער טויב;
אין פאַרוויקלטן בלאַט איז די פרייד פון שפּעטער,
און גרין איז דער בטחון אין מיין שויב — — —
וואַך אויף, מיין פאָלק, וואַך אויף און זינג.

מיט ווייסע מאַגנאָליע־פּאַמפּאַנעם בליט דער חודש שבט,
אַ גאָלדן זשוקל ווינקט צו מיר מיט זיינע הערנער־אויגן;
משה רבינו'ס בהמהלע חלומט אויף אַ גרינעם בלאַט,
רעגנוואָלקן זענען ווי פייגל אָנגעפלויגן — — —
וואַך אויף, מיין פאָלק, וואַך אויף און זינג.

אַ בערגל מיסט גרינט־אויף אין גרויען זאַמד,
מיט רעגן איז באַרוישט דער דרויסן;
די ביימער מיט רעגן אָנגעטרונקען שווער פאַרקלערט,
די ערד־ריחות אָטעמען אַזוי ווייניק;
אַ נאַסער ווינט צעשפּילט זיך אין דעם גראָז
און קוועלט אין גרינעם תענוג — — —
וואַך אויף, מיין פאָלק, וואַך אויף און זינג!

---

**ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"**

---



**ז. בונין**

## חג שמח

(פון דער סעריע ישראל לידער)

עס נידערט די זון שוין אין מערב
אין תל־אביב פסח פאַר נאַכט,
און ס'ווערן געוועלבן און קראָמען
אויף שלעסער פאַרזיגלט, פאַרמאַכט.

ס'איז יום־טוב פון זמן חרותנו,
דער פּנים פון יעדערן שטראַלט.
און וועמען אין גאַס דו באַגעגנסט,
אָן אונטערשייד — יונג און אַלט —
איז: שלום, חג שמח!

עס שיינדלט און הנדלט דאָס וואַסער
פון ים הגדול ביים „דן".
און געסט פון אַלע טייל וועלט
שטראָמען אַהער אין מלון.

אָט לאָזט זיך אַ כוואַליע צום ברעג,
אַ בלויע, דורכזיכטיקע קלאָרע,
און שטראָמענדיק כאַפּט זי אַרויף
אויפן קאָפּ אַ זילבער־עטרה
און בליקט אין די פענצטער אַריין,
אָ, וויפיל געסט אָן עין־הרע!

נאָך איר קומען אַנדערע כוואַליעס
מיט ים'יקן אימפּעט און כוח,
און גרוסן זיך איינע די צווייטע:
שלום, חג שמח!

פון פענצטער און טירן עס טראָגט זיך
פון יום־טוב מאכלים דער ריח,
הגדה של פּסח געזאַנגען
גריסן דיך: חג שמח!

תל־אביב, פסח, 1960

---

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון". וואַרט ניט מ'זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס'איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

---

**י. פרידלאַנד**

# יונה דער וואַסערפירער

(דערציילונג)

יעדן דאָנערשטיק פלעגט יונה וואַסערפירער אַריינקומען צו ר׳ נאָטע מלמד אָנצופילן דאָס פעסל וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין פאָדערהויז פון זיין חדר. אָפּגעטאָן זיין עובדה פלעגט ער דערנאָך כמעט הכנעהדיק זיך צושאַרן צום גרויסן טיש, ביי וועלכן ר׳ נאָטע האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים חומש און גמרא, און בעטנדיק אַ פרעג געטאָן ר׳ נאָטען: צי מעג ער זיך צוהערן צום לערנען.

— מהיכי־תיתי (מעכעטייסע) — האָט ר׳ נאָטע גוטמוטיק אים געענטפערט.

יונה וואַסערפירער האָט דאַן ערשט זיך אַנידערגעזעצט ביים סוף פון דער גרויסער באַנק, אויף וועלכער די קינדער זיינען געזעסן, און מיט גרויס הנאה זיך צוגעהערט צום לערנען, און מקנא געווען די קינדער, וואָס זיי לערנען מיט אַזאַ התמדה...

מיטאַמאָל האָט יונה זיך צעוויינט ! . . .

— וואָס־זשע וויינט איר, ר׳ יונה ?! — האָט נאָטע מלמד אים אַ פרעג געטאָן אין גרויס פאַרוואונדערונג.

— וואָרום זאָל איך נישט וויינען, ר׳ נאָטע — האָט יונה אַביסל פאַרשעמט דערדריקט אין זיך דאָס געוויין — אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה, אפילו אַלס קליין ייִנגל, צו לערנען חומש און גמרא, ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער. צו צען יאָר בין איך שוין געבליבן אַ יתום אָן אַ טאַטן, און תיכף דערנאָך בין איך געוואָרן דער מפרנס פון דער משפחה. די מאַמע מיינע האָט מיך נאָכן טאַטנס טויט אָפּגעגעבן צו מאָטקע דער וואַסערפירער, ווערן זיין געהילף; תמיד געטראָגן וואַסער צו באַלעבאַטישע שטובן און קלויזן. כ׳האָב תמיד געזען און געהערט ווי אַנדערע לערנען די תורה הקדושה, און אַליין, ווי איר זעט, בין געבליבן אַן עם־הארץ.

„נפשי תשוקה בתורה״— מיין האַרץ און נשמה גייען מיר אויס צו וועלן לערנען. אָבער... וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם ווילן מיינעם ? און אַז די תשוקה איז ביי מיר גרויס, האָב איך דען די צייט און מעגלעכקייט פאַר דעם ? . . .

— זאָגט־זשע מיר, ר׳ יונה, פון וואַנען ווייסט איר דעם פסוק : „נפשי תשוקה בתורה״, אַז איר האָט קיינמאָל נישט געלערנט, ווי איר זאָגט?—איז שוין ר׳ נאָטע מלמד שטאַרק נייגעריק געוואָרן צו וויסן.

— דעם מאמר האָב איך אויפגעכאַפּט פון דעם וואָלקאָווויסקער מגיד, וועלכער קומט צו אונדז אַרונטער דרשענען אין דער אַלטער קלויז...

איצט, אַז איך בין שוין ב״ה אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, מיט אַן אייגענעם געשעפֿט, רייס איך מיר אָפּ אַביסל צייט און כאַפּ זיך אַריין אין בית־המדרש אָפּצודאַוונען בציבור, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, הערן ווי אַנדערע לערנען, אַז אַליין קען איך ניט ! . . .

— איר ווייסט — האָט יונה וואַסערפירער ממשיך געווען צו דערציילן וועגן זיין לעבן און מצב — גאָר גרינג איז מיר נישט אָנגעקומען צו ווערן אַ באַלעבאָס־וואַסערפירער! כ׳בין זיך אויסגעשטאַנען גענוג צרות פון די אַנדערע וואַסערפירער, מיינע קאָנקורענטן. אוי די בידנע פרנסה!...



— איר מעגט עס הערן: אַז מיין באַלעבאָס, מאָטקע וואַסערפירער, איז נפטר געוואָרן, איז די אַלמנה זיינע, חיה שרה, געבליבן ווי אויף וואַסער, אָן אַ פרוטה ביי דער נשמה. די אַנדערע וואַסערפירער האָבן זיך דאַן אַ לאָז געטאָן ווי היישעריקן אויף מאָטקעס באַלעבאַטים און האָבן ממש געוואָלט אַרויסרייסן דער אַלמנה׳ס און מיין ביסן פון מויל. תיכף נאָך שבעה־זיצן האָט די אַלמנה זיך צו מיר געווענדעט:

— יונה — זאָגט זי צו מיר— דו זעסט דאָך, אַז די גנבים, די אַנדערע וואַסערפירערס, צעטרענצלען אונדז דעם „פאָדריאַד״; רייסן אַוועק פון אונדז מאָטקעס באַלעבאַטים ! מיר׳ן דאָך בלייבן באַלד אָן חיונה!... אָט נעם איבער, יונה, דעם געשעפֿט מיט די באַלעבאַטים פאַר זיך!

— בקיצור: כ׳האָב עס איבערגענומען פאַר זיך. כ׳האָב איבערגענומען הכל־בכל; דעם געשעפֿט, די עמערס און די אַנדערע מכשירים און געוואָרן, ווי איר זעט, באַלעבאָס־וואַסערפירער. דער מאָטעכע צאָל איך אויס עד־היום וואָכער: יעדע סוף־וואָך ברענג איך איר די זעלביקע שכירות וואָס מאָטקע פלעגט מיר צאָלן. תחילת האָבן די קאָנקורענטן מיינע אָנגעטאָן מיר געברענטע צרות. ניט איינמאָל האָבן זיי אַרויסגעצויגן דעם צאַפּן פון מיין וואַסער־פאַס און בין געבליבן מיט ליידיקן. אָבער... סוף־סוף האָבן די לאָבוזעס איינגעזען, אַז זיי וועלן מיר פון דער פרנסה נישט אַרויסשלאָגן, האָבן זיי מיך ענדלעך צורו געלאָזן. איז אָט ווי איר זעט, בין איך שוין אַ וואַסערפירער אַ קימא־לן עטלעכע צענדליק יאָר.

* * *

ווען יונה איז געוואָרן אַ בן־חמישים איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס וואַסער פירן און ס׳האָט טאַקע אָנגעהויבן אויף אים פאַלן שווער, סיי פיזיש און אויך גייסטיק. — אַרבעט, האָט ער געטראַכט, מאַכט טאַקע ניט מיאוס דעם מענטשן, אָבער דאָך האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ שפלות און אַ געדריקטקייט אויף זיין געמיט, וואָס ער איז נאָך אַלץ יונה וואַסערפירער... — וויפיל איז דער שיעור, האָט ער געטענהט צו זיך און סיי צו זיינע שטוב־מענטשן, צו זיין אַ וואַסערפירער? כסדר זיין פאַרנומען אַלע וואָכן־טעג פון יאָר; קיינמאָל קיין צייט ניט האָבן אַריינצוקומען אין בית־מדרש צו דאַווענען בציבור, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים; פאַרגינען זיך צו זיצן אין קלויז און צוהערן זיך צו דברי־תורה פון תלמידי חכמים, ווי אַנדערע יידן זיינען פון דעם נהנה...

ביי יונהן איז עס נישט געווען סתם אַ מחשבהלע אויפצוגעבן דאָס וואַסערפירער, נייערט ער האָט ערנסט גענומען טראַכטן וועגן דעם און האָט אויך געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקן געניטן פּלאַן, וואָס ער וועט טאָן ווייטער. דערטראַכט האָט ער זיך צו ווערן אַ בעל־עגלה! אָבער ניט סתם אַ בעל־עגלה, וואָס פירט פאַנאַנדער סחורות און סתם כלערליי מכשירים. ניין... וואָס פאַר אַ שינוי וועט ער דאָ האָבן געמאַכט? האָט ער פאַר זיינע מקורבים און שכנים פאַרענטפערט.— ווידער פראַצעווען און אויסגעריסן ווערן אויף די וועגן, געמאַרקן און יאַרידן?! ניין, ניט פאַר מיינע כוחות מער!... כ׳וועל מיר איינשאַפן אַ נייעם שיינעם געשעפֿט און וועל פירן באַלעבאַטישע יידן, פרומע יידישע פרויען; ווען צו „גוטע יידן״ אין די הויפן; וועמען סתם אין אַ וויכטיקער שליחות, אָדער גאָר פירן אויף חתונות, אויף יום־טובים בעטן אין ווייטע מקומות... כ׳וועל זיין צווישן מענטשן מיט לייטן גלייך; בכלל אַרויספאָרן פון די דלד אמות פון שטעטל; זען די ברייטע

שייַנע וועלט; די גרינע פעלדער און וועלדער און, די פלא־פלאים פון גאָטס יצירה.

מיט אָט־די מחשבות האָט יונה זיך אַרומגעטראָגן אַ לענגערע צייט און ענדלעך איז געוואָרן פון זיין מחשבה אַ ממשות, אַ רעאַליטעט.

יונה האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיך אַ נייעם געשפּאַן, מיט אַ גאָר פיינער געלברוינער שקאַפּע, מיט וועלכער ער האָט זיך פשוט געצאַצקעט. די פעל אירע איז געווען אַזאַ גלאַנציקע; איר גריווע האָט ער תמיד געהאַלטן אַזוי ציכטיק, גלאַט אויסגעקעמט און אַ רויט שלייפעלע אין איר איינגעבונדן; דעם וואָגן האָט ער מייסטעריש אויסגעבעטט פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די פאַרשוינען זיינע. און... אַז יונה האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם „וואַסער־טרעגער" לבוש מיט די תמיד־פאַרנעצטע און צעקנאָדערטע שטיוואַלעס, און אָנגעטאָן אויף זיך אַ ריינעם אנצוג, אַ ניי היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק; זיין באָרד שוין מיט עטוואָס באַזילבערטע פעדעם, גלאַט און ציכטיק אויסגעקעמט, איז אים ממש נישט געווען צו דערקענען!... עפּעס איז ער ווי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ שינוי אין זיין גאַנץ געשטאַלט!... די ביז איצט איינגעהויקערטער רוקן און פּלייצע, פון דעם שטענדיקן טראָגן די שווערע, גרויסע עמערס מיט וואַסער, האָבן זיך ווי אויסגעגלייכט און ער איז גאָר מער שטאַלטנער געוואָרן...

ווען יונה האָט זיך הרחבהדיק אַוועקגעזעצט אויף דער קעלניע פון זיין געשפּאַן און אַ בליק געטאָן אויף זיינע פאַרשוינען וואָס ער האָט געפירט, איז אים ממש אַ שטיק געזונט צוגעקומען! ער האָט דאַן דערפילט זיך עקזאַלטירנדיק דערהויבן...

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער זיך אין פריידן אָפּט דערמאָנען פון זיין נאָענטן עבר, וועגן דעם קלאָגעדיקן מצב זיינעם פון פריער, זייענדיק וואַסערפירער.

זומער איז עס נאָך געווען ווי־עס־איז איבערצוטראָגן. אָבער ווינטער! אוי די ווינטערן מיט די ביטערע קעלטן! אין אַזעלכע האַרבע טעג פלעגט ער דאַרפן זיך שלעפּן צום טייך, אויסהאַקן „פּאָלאָנקעס" אין דעם אייז; אָנפילן דאָס פאַס מיט וואַסער און דערנאָך צעטראָגן די עמערס וואַסער אין די שטובן. דורכגענומען פון קעלט, אַ פאַרפרוירענער, איז ער כמעט אַליין אין אַ שטיק אייז פאַרוואַנדלט געוואָרן!... דערמאָנענדיק זיך בלויז אין דעם איז אים אַ קעלט אַדורך איבערן לייב...

איצט קען ער זיך אפילו פאַרגינען צו טאָן מעשים טובים:

יעדן ל"ג־בעומר פלעגט יונה צוזאַמענעמען קינדערלעך פון די חדרים, זיי איינמאָסטן אין וואָגן און אַרויספאָרן מיט זיי אין נאָענטן וועלדל, ביים ראַנד פון שטאָט. ער פלעגט די קינדער באַזאָרגן מיט הילצערנע שווערדלעך, רויטביקסלעך, לעקעכלעך און אויבסט, און זיך פאַרשפּילן מיט די קינדער, ווי ער וואָלט אַליין אַ ייִנגל געווען...

יונה האָט דאַן איבערגעלעבט די קינדערישע פרייד, וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט אַליין נישט געהאַט.

במשך די יאָרן וואָס יונה איז געווען בעל־העגלה, האָט ער באַוויזן „אויסצוגעבן" זיינע טעכטער מיט מזל און צו זיין גרויסן צער, איז אים זיין פלוניתטע, חיה־ביילע, מיט אַ יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

יונה איז מיטאַמאָל געבליבן אַליין, כמעט היימלאָז און הילפלאָז... הגם ער איז געווען בנאַטור אַ שמח בחלקו, האָט ער דאָך געפילט אָן זיין חיה־ביילע ע"ה



איינזאַם און פאַרלאָרן... די קינדער זיינע האָבן דווקא געוואָלט אים אַריינעמען צו זיך, האָט ער עס אָבער נישט געוואָלט.

— זיין ביי די קינדער?... הע! „אַליין איז די נשמה ריין"— האָט ער געטראַכט.

צו זיין ווערן אַ בן־שישים איז ער נאָך פונדעסטוועגן געווען אַ גאַנץ קרעפּטיקער ייִד! ער האָט אָנגעהאַלטן זיין געשפּאַן, געפירט ווי פריער, באַלעבאַטים פון שטאָט צו שטאָט און אויך מיט וויכטיקע שליחותן.

צו יענער צייט האָט זיך איינגעבעסטלט ביי אים אַ מחשבה, אַז דאָס ביסל יאָרן וואָס אים איז באַשערט פון דער השגחה, וואָלט ער געוואָלט לעבן אין ארץ־ישראל, און דאָרטן טאַקע האָבן די זכיה צו שטאַרבן אין הייליקן לאַנד פון אונזערע אבות... נאָך אַ מאָטיוו און אַ מחשבה וואָס האָט אים שטאַרק באַוועלטיקט, כאָטש ער האָט עס פאַר קיינעם נישט אַרויסגעבראַכט:

— דאָ בין איך דעם גאַנצן לעבן מיינעם געווען יונה וואַסער־פירער, אָדער יונה בעל־העגלה... מיט די בעסטע כוונות פון מיינע שכנים און מקורבים בשייכות צו מיר, בין איך נאָך אַלץ פאַרבליבן אין זייערע אויגן און אין די מוחות: „יונה וואַסערפירער"!... אין ארץ־ישראל אָבער וועל איך אויספורעמען מיין לעבן אַנדערש, לויט מיין וואונטש און באַגער, ווי איך האָב תמיד געוואָלט און נאָך וועלכן איך האָב תמיד געבענקט...

נאָך איידער יונה האָט גענומען זיך גרייטן צו אָט־דער גאָר ווייטער נסיעה, האָט ער מסביר געווען פאַר זיין נאָענטן פריינט, נאָטע מלמד, אַז זיין הייסטער וואונטש איז תמיד געווען צו האָבן די גרויסע זכיה צו שטאַרבן אין הייליקן לאַנד אונדזערס. און איצט, אַז ער וועט קומען קיין ארץ־ישראל, וועט ער האָבן זיין חלום פאַרווירקלעכט...

יונה האָט אויספאַרקויפט זיין ביסל אייגנס, זיין געשפּאַן מיט הכל־בכל; צוזאַמענגעקליבן דאָס ביסל חובות וואָס אים איז געקומען ביי עטלעכע באַלעבאַטים בטוחים און... ס'האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ שפּאָר ביסל מזומן — אַ נישט קליינער פאַרמעגן...

נאָטע מלמד, ביים אָפּגעזעגענען זיך מיט יונהן, האָט זיך צו אים געווענדעט מיט אַ בקשה:

— כ'וועל דיר איבערגעבן, יונה, אַ וויכטיקע שליחות: פאָרסט איצט אין הייליקן לאַנד, פאָר געזונט און זיי מצליח. נעם מיט זיך מיט אָט־דאָס תנ"כ'ל וואָס איך גיב דיר, און זאָל עס דיר זיין אַ וועגווייזער אויף דיין לאַנגער און ווייטער נסיעה. און, אַז דו וועסט שוין זיין אין ארץ־ישראל און וועסט אפשר באַגעגענען מיין ברודער לייזער־וואָלף, פון וועלכן כ'ווייס נישט פון זיין געביין וואו ער איז אַהינגעקומען עד היום הזה, גיב אים איבער דאָס תנ"כ'ל פון מיר אַלס מתנה אין אַ ברידערלעכן אָנדענק...

יונה האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין זון, טאָכטער און אייניקלעך; מיט זיינע שכנים, נאָענטע און מקורבים; איבערגעלאָזט היגטער זיך זיין געבוירן־אָרט, זיין שווער לעבן און פראַצע, וואו ער האָט געהאַט פון קינדוויז אָן, און... אויף צום לאַנד פון זיינע חלומות — ארץ־ישראל...

יאָרן האַרבע, יאָרן שווערע זיינען פאַרלאָפן. מען האָט פון יונה וויסערפירער מער נישט געהערט. עפּעס האָט עמיצער יאָ געבראַכט אַ ביט קיין גוטן גרוס וועגן אים, נעמלעך: אַז ביי זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל האָט מען אויסגענאַרט

ביי אים דאָס געלט, וואָס ער האָט במשך די אַלע יאָרן פון שווערער פּראַצע אָפּגעשפּאָרט... נאַטירלעך האָבן עס אַלע זייער באַדויערט, וואָס אַזאַ גזלה זאָל האָבן געטראָפן צו דעם גוטן אַלטן יונה. און וואו? אין אונדזער הייליק לאַנד, אין ארץ־ישראל! . . .

שווערע גרויזאַמע יאָרן זיינען אַדורכגעגאַנגען; מלחמות, רעוואָלוציעס און... דער אומקום פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק דורך די מערדערלעכע הענט פון די דייטשישע רוצחים, ימח שמם וזכרם. און... לסוף די ענדלעכע גאולה, מלכות ישראל, קיבוץ גליות...

ווען ר׳ נאָטע מלמד׳ס אייניקל, חיימל, וועלכער האָט במשך אַ לענגערע צייט געלעבט אין אַמעריקע און איז שוין אַליין אויך געווען אַ בן־חמישים, האָט אין יאָר 1953, נאָך דעם אויפקום פון דער יידישער מלוכה, עולה געווען קיין מדינת ישראל, האָט מען אים ווי דעם רוב טוריסטן אַרומגעפירט וויזן די כלערליי אנשטאַלטן, ווי קינדער־היימען, שפּיטאָלן, מושב זקנימס וכדומה. האָט ער אין איינעם פון די מושב זקנימס, אין וועלכן מ׳האָט געהויזט יידן פון כלערליי שטעט פון דער אַלטער היים; איז חיימען, נאָטע מלמדס אייניקל, אַרויפגעקומען אַ מחשבה: אפשר גאָר אויסגעפינען דאָ, אין דעם אַלטן מושב זקנים, צי עס געפינט זיך דאָ ניט צומאָל, ר׳ יונה, וועגן וועלכן דער זיידע זיינער, נאָטע מלמד, האָט געהאַט אַזויפיל צו דערציילן. און ער אַליין, חיים, געדענקט נאָך אויך, ווי אָט־דער יונה בעל־העגלה פלעגט מיט די קינדער ל״ג־בעומר אַרויספאָרן אין וואַלד און פאַרווילן מיט זיי דעם טאָג . . .

דער אויפבליק פון אָט־דער מחשבה האָט שוין חיימען ניט אָפּגעלאָזט; ער איז טאַקע תיכף־ומיד צוגעקומען צום משגיח פון דעם מושב־זקנים און אים איבערגעגעבן אַלע פרטים פון זיין חשובן בן־עיר ר׳ יונה, און צי ווייסט ער אפשר, אָדער געהערט וואו אָט־דער אַלטיטשקער געפינט זיך. דער משגיח האָט אים פריינדלעך אויסגעהערט, און אַ ברייט צופרידענער שמייכל האָט זיך אויף זיין הדרת־פּנים צעלייגט; משמעות צופרידן געווען וואָס ער קאָן אָט־דעם שטאַרק פאַראינטערעסירטן אַמעריקאַנער יידן באַפרידיקן זיין בקשה . . .

— מיין חשובער אדון, דער גליקלעכער צופאַל האָט גראַדע געבראַכט אייך אַהערצו, צו דעם ריכטיקן מושב־זקנים!... ניט נאָר איז ר׳ יונה דאָ איינער פון די עלטערע תושבים, נייערט ער איז ביי אונדז דאָ איינער פון די גאָר חשובסטע; ער איז אפילו דער ראש פון דער כיתה לערנער וואָס מיר האָבן דאָ אין שולכל פון דעם מושב זקנים...

חיים איז געווען איבערגליקלעך וואָס ער וועט דאָ קענען באַגעגענען דעם אַלטן חשובן ר׳ יונה, זיין וואונדערלעכן בן־עיר, וועגן וועלכן מ׳האָט ביי אים אין שטעטל אַ סך גוטע מעשים דערציילט, און ער איז געוואָרן דאָרט כמעט אַ לעגענדע ! . . .

דער משגיח האָט אַריינגעפירט חיימען אין אַ שטיבל, אַ קליין בית־מדרשל, וואו אַ מנין עלטערע יידן זיינען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש, פאַרטיפט אין לערנען.

— אָט־דער ייד, בראש פון טיש, איז ר׳ יונה, אויף וועלכן איר פרעגט זיך נאָך — האָט דער משגיח אָנגעוויזן חיימען.

חיים האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנענטערט צו ר׳ יונהן און מיט גרויס יראת הכבוד אַ זאָג געטאָן:



— ר׳ יונה ! כ׳בין אייער אַ בן־עיר; נאָטע דעם מלמד׳ס אַן אייניקל; חיים, חיה־ביילעס דער זאָקן־שטריקערינס אַ זון! — געבנדיק אים אַ וואַרעמען שלום־עליכם . . . .

דער אַלטער יונה, האַלטנדיק חיימס האַנט, האָט מיט אויגן פול מיט פאַרוואונדערונג אים באַטראַכט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט, וואַרט צו אַביסל, מיין זון; כ׳וועל איצט נישט מפסיק זיין; באַלד וועלן מיר אָפּלערנען דעם שיעור, וועלן מיר זיך דורכשמועסן און איך האָב אויך עפּעס וויכטיקעס דיר איבערצוגעבן...

חיים האָט לעת־עתה זיך צוגעהערט ווי ר׳ יונה לערנט מיט זיין כיתה יידן, און ווי קלוג, פשוט ער פאַרטייטשט זיי די טיפסטע פסוקים פון ש״ס!... ער איז ממש נשתומם געוואָרן פון זיינע רייד און פון זיין בקיאות אין ספרי תורה...

— איז דאָס יונה וואַסער־פירער! יונה בעל־העגלה!?... האָט ער געטראַכט און זיך שטאַרק געוואונדערט. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ ייד אַ למדן, אַ מופלג בתורה! פלא־פלאים ! . . .

ר׳ יונה האָט פאַרמאַכט דעם ספר; די יידן, זיינע מיטלערנער האָבן דאָס אייגענע געטאָן, זיינען אויפגעשטאַנען פון אַרום טיש און אויך געגעבן דעם גאַסט שלום. דערנאָך האָט ר׳ יונה זיך אָפּגעגעבן מיט זיין בן־עיר.

— חיים, זאָגסטו רופט מען דיך?... נו, זאָל דיר זיין צום לעבן, חיים !... כ׳זע דו וואונדערסט זיך חיימל וואָס איך בין דאָ געוואָרן אַ לערנער, אַ בעל־תורה! פאַרשטייסטו מיר, מיין זון, ווען איך בין געקומען אין ארץ, בין איך שוין דאַן געווען אַ זקן, קרוב צו שבעים. וואָס האָב איך דאָ געקאָנט טאָן, צו יענער צייט? דאָס לאַנד איז דאָ געווען וויסט און פוסט, צו קיין אַרבעט האָט מען מיך נישט געוואָלט נעמען; יונגערע פון מיר האָבן קוים געקענט זיך מפרנס זיין... בין איך אַריין אין אָט־דעם מושב־זקנים און געמאַכט זיך דאָ ניצלעך לויט מיינע כוחות. בעיקר אָבער האָב איך דאָ אָנגעהויבן לערנען, פריער אַ פרשה חומש, דערנאָך געבעטן מען זאָל מיט מיר לערנען אַ בלאַט גמרא. ווייסט דאָך, אַז נאָך אין דער היים האָב איך געהאַט אַ גרויסע תשוקה צו לערנען די תורה הקדושה... און דאָ איז מיין וואונטש מקוים געוואָרן!...

— ר׳ עקיבא האָט געזאָגט: „טראָפּנס וואַסער קענען דורכלעכערן אַ שטיין, און טראָפּנס תורה קאָנען זיך אויך אַריינזאַפּן אפילו צו אַן עם־הארץ, ווען נאָר דער ווילן איז פאַראַן.“ ווען דער אַלטער ר. ניסעלע ז״ל, וועלכער פלעגט דאָ לערנען מיט אונדז, איז נפטר געוואָרן, האָט מען מיר איבערגעגעבן די עבודה קדושה צו לערנען מיט דער כיתה יידן...

— ר׳ שמואל, איינער פון די לערערס פון אבות, האָט געזאָגט: „דער וואָס לערנט אַליין, כדי צו לערנען אַנדערע, גיט מען אים די מעגלעכקייט אי אַליין צו לערנען אי אַנדערע צו לערנען“, און דאָס וואָס איך האָב געטאָן: כ׳האָב אַליין געלערנט, און איצט איז עס מיין גורל אויך צו לערנען מיט אַנדערע.

— זאָגט־זשע מיר, חשובער ר׳ יונה, איז טאַקע פאַראַן עפּעס אַ שמץ אמת פון דעם וואָס מען האָט דערציילט אין דער היים, אַז ווי נאָר איר זייט אָנגעקומען אַהערצו אין לאַנד האָט מען אויסגענאַרט ביי אייך אייער פאַרמעגן?...

— לא דובים ולא יער!... נישט געשטויגן און נישט געפלויגן!... אַז איך בין אָנגעקומען אין לאַנד, האָב איך קיין אַרבעט ניט געקענט קריגן איך זאָל

גע‎וועזן אפילו צוצאָלן. איך האָב קיין אַנדער בריה ניט געהאַט ווי אַנצוקומען צו דעם אנשטאַלט. איך האָב דאָן איבערגעגעבן מיינע טויזנט קערבלעך, מיין גאַנץ פאַרמעגן צום מושב זקנים. וואָס האָב איך דען מער גע‎דאַרפט, אַז מיט אַלץ בין איך דאָ געווען פאַרזאָרגט...

דו ווייסט, חיימקע, אַז כ'בין דאָ שוין אַן ערך פון קרוב צו דריי צענדליק יאָר!... נו, פרעג איך דיר, ווער ביי וועמען האָט מער פאַרנומען: זיי ביי מיר, צי איך ביים אנשטאַלט?... כ'האָב אַרויסגענומען פון מיין פאַרמעג דאָ כפל כפליים!

— ר' יונה, איך האָט דאַכט מיר געזאָגט, אַז איר האָט עפּעס וויכטיקעס מיר איבערצוגעבן.

— יאָ, יאָ, והעיקר שכחתי... אַזוי, אַזוי! ביסטו, הייסט עס, חיימקע, נאָטע דעם מלמד'ס אַן אייניקל?....

ר' יונה איז פאַמעלעכקע, מיט דריבנע טריטלעך, צוגעגאַנגען צו אַ שטענדער און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ זייער אַלטן תנ"כ'ל מיט כמעט צעפליקטע טאָוועלעך און צוגעברענגט צו חיימען.

— זעסטו, חיימקע, אָט־דאָס תנ"כ'ל האָט דער זיידע דיינער מיר מיטגעגעבן איך זאָל עס איבערגעבן צו זיינעם אַ ברודער, טאַקע דיינעם אַ פעטער, אַלס אַ מתנה און אנדענק... דיין פעטער האָב איך דאָ נישט געפונען, און אפשר איז ער דאָ גאָר קיינמאָל ניט געווען. דאָס תנ"כ'ל האָב איך דאָ הייליק געהאַלטן די גאַנצע צייט; האָב זיך מיט דעם קיינמאָל ניט געשיידט... כ'האָב אָבער געהאַט בטחון, אַז אימיצער פון דיין משפחה וועט ווען עס איז דאָך קומען אַמאָל צו אונדזער הייליק לאַנד פון די אָבות, און איך וועל נאָך קאָנען מיין שליחות אויספירן. איצט אַז דו ביזט דאָ, גיב איך דיר איבער דאָס תנ"כ'ל אַלס אַ ירושה...

חיים איז געווען גערירט פון ר' יונהס רייד און האַנדלונג. ער האָט אַרויסגעשיקט דעם שמש אַריינצוברענגען וויין מיט קיכלעך, און די אַלטיטשקע יידן האָבן זיך משמח געווען מיטן אורח, אַ בן־עיר, אויף וועלכן ר' יונה האָט געוואַרט קנאַפע דריי צענדליק יאָר, כדי אָפּצוגעבן דעם אַלטן תנכ'ל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים.

— זאָגט מיר, ר' יונה — האָט חיים, זיין יונגערער בן־עיר אים אַ פרעג געטאָן וואָס איז דער סוד פון אייער אַריכת־ימים, עד מאה ועשרים?

— שאַ, זאָג עס ניט אויס. ביי זיי, ביי מיינע שכנים, בין איך ערשט אין די אַכציקער, אין דער אמתן בין איך שוין באַלד, באַלד טאַקע דעם תשעה באָב, ווער איך צוויי־און־ניינציק... ר' יונה האָט זיך פאַרקלערט און האָט ווי מיט אַ גמרא ניגון אַרויסגעפּלסיטערט: — דעם סוד פון אריכת ימים פרעגסטו? ס'איז אַ גאַנץ פשוטער, מיין זון — האָסטו גלויבן און בטחון פאַר וו אָ ס און פאַר ו ע מ ע ן צו לעבן, שענקט דיר דער וואָס לעבט אייביק אַריכת־ימים...

איצט, ר' חיים, אַז כ'האָב אַלץ און אַלעמען אָפּגעצאָלט, קיינעם קיין בעל־חוב ניט געבליבן, מיין ירושה צעטיילט, די שליחות אויסגעפירט, בין איך גרייט מוכן ומזומן זיך אָפּצוגעזעגענען מיט אַלץ און מיט אַלעמען אויף גאָטס ערד...

חיים האָט פאַרלאָזן ר' יונהן און אים צוגעזאָגט, אַז איידער ער וועט אָפּפאָרן פון ישראל וועט ער אים קומען זען און זיך מיט אים געזעגענען.

מיט אַ פאָר חדשים שפּעטער, ווען חיים איז געקומען זיך זעגענען מיט זיין חשובן בן־עיר, ר' יונהן, האָט מען אים מודיע געווען די טרויעריקע בשורה, אַז





# אַ יידישער דיכטער

איך בין ניט קיין היטער, קיין קלעגער, קיין ריכטער;
איך בין ניט קיין שטראָפער, קיין זוכער פון זינד.
איך בין נאָר אַ דיכטער, אַ יידישער דיכטער,
וואָס טראָגט זיך אַן אָטעם, אויף פליגלען פון ווינט...

מיין וואָרט, ווי צעוויעטער גראָז, איז אַ שטילער,
און קלאָג איך—איז קיינער דערהערט ניט מיין קלאָג.
עס ווערן די בלוטן צעצונדענע, קילער,
אין בליאַסק פון באַגינען, אין טוי פון פאַרטאָג...

און כאַפּט זיך אַריין אַמאָל גאַל אין מיין לאָגל,
און זינג איך אַמאָל אַזאַ ליד, וואָס עס זידט;
איז דאָס, ווייל איך ווער אַמאָל מיד אין מיין וואָגל,
איז דאָס, ווייל איך זינג, ווי אַ דיכטער—אַ ייד...

# עס ווייגען די בערג

עס ווייענען די בערג, און עס ציען זיך ריטשקעס,
ווי שלאַנגען צוזאַמען.
זיי פליסן און טראָגן זיך ראַשיק אין טייכן,
אין טייכן — אין ים'ען.

עס פליסן אויך אַנדערע ריטשקעס אין ים'ען—
מענטשלעכע טרערן,
וואָס ווערן אַלץ ברייטער און ווערן אַלץ מערער—
ווי זאַמד און ווי שטערן.

„יעדער טייך גייט אין ים, און דער ים ווערט ניט פולער"
אַזוי שטייט געשריבן.
דער ים נאָר פון טרערן ווערט פולער און פולער—
פון דורות געקליבן.

---

ר' יונה איז נפטר געוואָרן כ"א בחודש סיון, בנשיקה, ווי אַ צדיק... ער האָט געהאַט אַ בכבודיקע לוויה; אַ גרויסע צאָל ותיקים זיינען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד...

חיים האָט פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט מיט אַ שווער געמיט, אָבער מיט אַ געפיל פון גרויס יראת־הכבוד פאַר דעם נפטר, זיין לעגענדאַרן בן־עיר, ר' יונה.

אַמאָל גייען ים'ען, צעברויזט און צעוויכערט,
אַריבער די ברעגן,
און וועקן, און רופן, און דראָען, און מאָנען,
און וואַרפן אַן שרעקן.

נאָר ס'גייען ניט קיינמאָל אַריבער די ברעגן
די ים'ען פון טרערן...
צי ווייסט ווער דעם סוד דען? ווער ווייסט די מיסטעריע?
ווער קען עס דערקלערן?

עס זידן און שוימען, און ס'הויבן זיך כוואַליעס
פון ים'ען צום הימל;
נאָר ים'ען פון טרערן, זיי וויגן זיך שטילע,
ווי קינדער אין דרימל...

קען זיין, ווייל די בערגיש-געוויינען, זיי קומען
פון טיפן צעצונדן,
און מענטשלעכע קומען, פון פיינען פון שטומע,
פון הערצער און וואונדן;

זיי קומען פון נאַכטיקע מאַמעס, משמורים,
ביי ליידיקע וויגן;
זיי קומען פון דורות-פאַרשטיקטע געשרייען,
אין שיכרות פון זיגן;

זיי קומען פון אויגן פאַרווירטע, אין קישנס
מיט עלנט צוקאָפּנס,
זיי קומען און ווערן געטראָגן אויף ווינטן,
טראָפּן נאָך טראָפּן...

זיי פאַלן, און פילן אַן טייכן און ים'ען,
ווי טוי אויף די וועגן —
אָ, ווען וועלן ים'ען פון מענטשלעכע טרערן
שוין אַריבער די ברעגן!

יהושע ריווין

## מיין טאַטנס ברכה

פאַר די נייע דורות
וועב איך מיינע לידער —
פאַר מיין וועלטלעכער משפחה;
כ'וויל זיי לאָזן אַ ירושה:
מיין טאַטנ'ס ברכה.

פאַר די קומענדע דורות
שפּין איך מיינע לידער —
פאַר די קינדער פון מיין זאָמען;
כ'וויל זיי לאָזן אַ ירושה:
מיין טאַטנ'ס נאָמען . . .



מאָטעס דייטש

# לעגענדע און פּאָעט

### (וועגן יעקב פרידמאַנ'ס בוך: „די לעגענדע נח גרין")

יעקב פרידמאַן איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פּאָעטן מיט וועלכע פּאָעזיע לייענער זיינען זיך מתיחס ווען זיי רעדן וועגן דער אינטערעסאַנטער יידישער פּאָעזיע פון אונדזער דור, וואָס טראָגט־צו אירע אייביקייט־ווערטן אין דער פאָרעם פון פּאָעטישער עקספּרעסיע אין אונדזער הייגטצייטיקייט פון צוואַנציק־סטן יאָרהונדערט.

„די לעגענדע נח גרין" איז די לעגענדע יעקב פרידמאַן, וואָס האָט פּאָעטיש אַרויסגעבערט און אַרויסגעהערט פון זיינע רמ"ח אברים. זיין אומרואיקע פּסיכיק האָט זיך ביי אים אַנטפּלעקט אין פיל אויסגעפורעמטע רעיונות אויף אַזאַ פּערזן־פּאָעטישן זאָגן און טראַכטן וואָס איז דער אופן פון אַ וואונדער־ספר. ס'איז אַזוי פאַנטאַסטיש אַרומגעזוימט מיט דער צעוואונדעטקייט פון אַן אומקומענדיקער עפּאָכע, וואָס אירע שפּראָצונגען אָדער עכאָס אַנטפּלעקן זיך צום ווידערגעבורט אין ניי־ישראל.

י. פ. איז איין קאָלאָסדיקע שריפה: עס ראַנגלען זיך אין אים פייער און רויך, געמישט מיט פאַרשיידענע קאָכיקע עלעמענטן, ווי די וואָס האָבן געהפקרט פאַרן בראשית.

ער איז דער דיריגענט און דער אָרקעסטער פון זיין שאַפן; ער איז דער סאָלאָ־וואָרטואָז פון אַרויסצויבערן ווערטער, בילדער, אימאַזשן, דורך פייערן צוזאַמען מיט דער גאַנצער גאַמע פון פּאָעטישע געדאַנקען צעברויזטע אין אַן אָרקעסטראַציע וואָס איז דראַמאַטיש־פּאָעטיש געשפּילט אויף אַ בינע געמאַכט פון ווערטער און פּערזן; ער איז דער באַריידעוודיקסטער ווערטער־מכשף לויט זיין געמיט, מחמת דער היטלער־אַשמדאי האָט אַן אַשיקע קיניגרייך געמאַכט פון אַ רעאַלער יידישער וועלט; די אַטאָמישע צייט האָט איבעם דיכטער צעווירבלט אַלע טראַכטענישן אין אַ כאַאָס; ער האָט אָנגעוואָרן אַלע גלויבנס צו גלויבן און איז געבליבן גלויביק־נאַקעט; דער נזר־הבריאה איז אַ מטורפדיקער גולם; ער ווייסט ניט ווי איין און ווי אויס צו קוקן אויף דער וועלט; וואָס פריער און וואָס שפּעטער צו טאָן מיט זיך און מיט דעם אַרום זיך — ער איז מענטשלאָז ווי צייטלאָז.

ער האָט דעם גרעסטן ווילן איינצושטילן דעם וואַלדוועלער אין זיך, אָט־דער אָ וואָס איז מורד איז איין כהרף־עין סיי קעגן גאָט און סיי קעגן זיין כפירה. יאָ, אויך קעגן דער כפירה דאַרף מען מורד זיין... זי האָט דיסאילוזירט דעם אינטעלעקט, דעם גאַנצן נפש אין דיר. זי, די כפירה, האָט גאָר ניט אין זינען געהאַט דעם בן־אדם, נייערט זיך גופא בלויז. זי האָט אים געגעבן אַן אידעאַל־קריטיש־ליכט אין דער האַנט אַריין און ווען דער האָמאָ סאַפּיענס, דער בעל־שכל האָט עס אָנגעצונדן אין דער טיפער פינצטערניש, האָט זי, די כפירה, דאָס ליכט אויסגעלאָשן פון איבער זיין קאָפּ אַראָפּ...

„וואָס מיינט דער אמת און די שיינקייט?
די מיינען זיך אַליין."

פֿון אַלע פּאָעטישע בעלי החקירה (און זיי זײַנען דאָ בײַ אונדז זייער אַ סך) האָט ער פּונקט ווי זיי עובר געווען אויף אַ היבשע צאָל לידערישע חלק, טאַקע מיט דעם זייער פֿיל איבערגעלאָדענעם כּוח פֿון פּילפּולן, זאָגן, ברייען און „לאַטען" לידער מיט דעם טייג פֿון אומלידערישע שבתדיקע חלה; ער פֿאַרגיטיקט אָבער מיט זײַן שטאַרקער עמקות.

ער איז ניט קיין עקסצענטריקער נאָר בפּירוש אַ סינטעטישער פּאָעט; ער איז פֿאַרפּלייצט פֿון עליות און ירידות, וואָס געבערן זיך בײַ אים פֿון כּל המינים יידישע שטימונגען, וועלכע טראַנספֿאָרמירן זיך אין פֿאַרשיידענע עפּישע וואַריאַציעס. נאָר דער תּמצית פֿון אַלע עיקרים איז זײַן פּאָעטיציזם איז דער דיכטערישער געראַנגל מיט דעם באַשעפֿער—גאָט—פֿונעם אַלבאַשאַף: דער מטורפֿדיקער פּאַטאַליזם.

אָט־דאָ איז ער דער גרויסער פֿײַערצינדער, וועלכער ברענט צוזאַמען מיט גאָט אין אַן אומצעשיידבאַרן אינאיינעם פֿון אַ שׂכלדיק טראַכטן. ער איז דער אַרכיטעקט פֿון די גרעסטע געדאַנקען־פֿײַערן וואָס די פּאָעזיע איז נאָר מסוגל אויסצוהאַלטן און ניט צעשמאָלצן ווערן אין לאַווע פֿון וואָרטאַל...

ער פֿאַרבלײַבט אונטער אַלע אומשטענדן:

אַ מענטש וואָס איז מער פּאָעטיש ווי מענטש; אַ פּאָעט וואָס איז מער מענטשוויסיק ווי פּאָעט.

אין די גרעסטע פּאָעמעס און אַפֿילו אין די מערסטע קירצערע לידער איז דאָס גאָט־פּראָבלעם, צי דאָס גאָט־שפּיל־זוכעניש, בײַ אים אין דער ערשטער ריי פֿון זײַנע טיף־צעאַרבעטע מחשבות; מחמת צום טויזנטסטן מאָל אָנהייב און צום טויזנטסטן מאָל אָן־סוף טוט ער ווי אַ קאַפּריזנע קינד אויסכליפּען זײַן פּרוד הלבבות: גאָט איז ניטאָ... און באותו הרגע וויל ער זיך אַליין ניט גלויבן... וואָרעם ער דאַרף אים — טויט צי לעבעדיק — סע גייט אים ניט אײַן די כּפירה פֿון זײַן חקירה... ווי דען וואָלט ער גאָר געקענט קאָמפּאָזירן לידער? צי קוקן אויף ווײַנפּערלעך און אַגרעסן, ווי שיין זיי וואַקסן, אַזש די ציין בײַ אים ווערן פֿון זיי האַיליק; אַזוי זײַנען בײַ אים די מאָמענטן אין זײַן גאָט־זוכעניש־גריבלעניש —האַיליקע געדאַנקען־ציין איבערגעגעסענע פֿון כּפירה־חקירה— ווײַנפּערלעך און אַגרעסן...

„גאָט, גאָט: גיב מיר אַ גאָט און איך שענק אַוועק אַלע תּענוגים פֿון עולם הזה."

ער איז פּאָעט, פֿילאָזאָף, לץ, חכם וועריזוס בונטאַרניק קעגן דעם אַלבאַשאַף, וואָס האָט פֿאַרהפֿקרט דאָס אויסגעוואַקסענע, דאָס אַריבערגעוואַקסענע, וואָס ווערט צוריק פֿון דער סטיכיע אויפֿגעגעסן אַזוי ברוטאַל־נאַטירלעך, ווי עס טוט אַ חיה ווען זי פֿרעסט זיך איבער מיט איר קרבן און ברעכט אים אויפֿצוריק אויס; אַזוי טוט זי אויגנבליקלעך דאָס אויסגעבראָכענע אויפֿצוריק אויפֿעסן...

אַ מטורף איז דער וועלט־באַלעבאָס, וואָס קאָן בײַ זיך פּועלן פֿירן אַזעלכענע פֿאַראַנטקעס — געבערן־און־אויפֿעסן דאָס געבעריקע צוריק; עס אַרײַנכאַפּן אינעם זעלבן טרעלבויך אַרײַן פֿון וואַנען ס'איז געקומען אויף דער וועלט צו זײַן, צו לעבן...

נאָך אַזאַ געדאַנקען־ויתרוצצו אין זײַן פֿילאָזאָפֿישער נסיעה, איז אים וואויל זיך צו פֿאַרלידערן מיט אַזעלכענע צוויי פּאָעטיש־געמיזמורטע סערענאַדעס וואָס דער פּאָעט זינגט צו זיך גופֿא, צום אייגענעם פּאַך... ז"ז 69, 89.



וואָס איז שייך וואָרט־פּאַנטאָמימע, וואָרט־שפּיצלדיקע אידיאָמאַטישקייט און יידישע פּסוקימדיקע קלוגשאַפֿטן מיט פֿאָלקסטיידעוודיקער מאָזאַיִק, איז ער העט־העט איבערגעלאָפֿן יעקב גלאַטשטיינען. אמת, זײַן פּאָעטישע חכמה איז אַ חברטע מיט גלאַטשטיינס — אַפּנים אַז אַלע פּאָעטישע יעקבס זײַנען אַזוי געסטראָיעט — אײַנגעשפּאַנט אין דער „יאַרמאָ" פֿון חכמה. זיי זײַנען סטיליס־טיש אידענטיש, נאָר פֿרידמאַן הויבט אָן דאָרט וואו גלאַטשטיין האָט זיך אַוועק־געשטעלט שמונה־עשׂרה... י. פּ. גייט ווײַטער אין דער פּאָעטיש־טיפֿער, ראַפֿיניר־טער אידיאָמאַטישקייט. ער איז דער „בינען־קיניג" מיט גיפֿט, האָניק און בורשטינענער שײַנקייט, וואָס פֿלאַטערט שימערירנדיק אין קיניגרײַך פֿון וואָרט; ער איז גרויסמוטיק צעהעלט און צעקרעלט אין פֿאַרשיידענע וואונדן ווי אַ טיף־יידישער פּאָעט; ער טראָגט אויף זיך די גאָר הויכע קינסטלערישע גדלות, כאָטש ער וואוינט אין אייגן יידיש לאַנד און ער איז פֿאָרט „פּאָעט אין דער מעברה"; דאָך, וועדליק אַזוי, איז ער גענוג רײַך.

און אָט פּלוצלינג ווערט ער גאָר אַ שׂמח בחלקו:

„באַשעפֿער, זאָג איך, פֿאַראַן דען אַ גרעסערער זכות
ווי צו זײַן אַ בין אין דײַן בינשטאָק"?

אָדער ער ווערט נאָך אַ גרעסערער מאמין ווי אויף זײַט 64! אַ מאמין אויס דער־קענטעניש, לויטן חסידישן טעמפּעראַמענט, לויטן חסידישן צעפֿלאַמטן גייסט.

אין וואָכעדיקן לעבן דוכט זיך אויס, אַז די שווערסטע זאַך איז צו לייענען לידער פֿון מאָדערנע פּאָעטן; אָבער וואָס איז דען די גרינגסטע זאַך הײַנטיקע צײַטן? אפֿשר... אינגאַנצן נישט צו לייענען. נאָר דאָס איז דאָך שטענדיק גילטיק אויף אַלץ וואָס מען דאַרף נאָר צולייגן קאָפּ.

אַוודאי איז די גרינגסטע זאַך צו קויפֿן אַן עראָפּלאַן־בילעט און פֿליען; ס'איז פּשוט! ווײַל פֿליען מיטן גייסט איז אַן אײַנשטעלעניש; מע היט זיך מיטן ביסל גײַסטיקע ביינער... אײַנשטעלן דעם גוף — יאָ! דעם גייסט? ער איז טײַערער פֿונעם גוף; אים שטעלט מען ניט אײַן צום פֿלי־טאָן!

צוערשט דאַרף מען זײַן געבענטשט ליב צו האָבן שעפֿערישקייט, דאַן קען מען זי שוין במילא אויך פֿאַרשטיין. אויב חלילה ניט, איז עס ווי דער גוי זאָגט: „וואַניטאַס וואַניטאַטוס"! עס איז פּשוט: הבל הבלים — בלאָטע שעבעבלאָטע...

ווײַל אַפֿילו פֿון אָט־דער בלאָטע זינגט דער עכטער פּאָעט גרויסמוטיק.

אויף זײַט 30 האָט ער אַ ליד: „זאָגט דער פּאָעט", פֿאַרענדיקט ער זײַן גרויסמוטיקע טראַכטעניש:

„פֿאַרוואָר, גאָט־באַשאַפֿער, אַלץ קענסטו באַשאַפֿן,
נאָר נישט אַזעלכע טפֿל־נישטיקע זאַכן
פֿון וועלכע איך זאָל ניט קענען מאַכן
מײַן ליד..."

אַוודאי מאַכן אַ ליד איז אַביסעלע צו וואָכעדיק־מעכאַניש געזאָגט, אַפֿילו ווען עס קומט פֿונעם דיכטערס אייגענע ליפּן אַפֿער; ער האָט דאָ־אָ פֿאַר־קויפֿט די בחירה און די בכורה צוזאַמען פֿאַר אַ קליין טעפּעלע מיט איין גראַם: זאַכן מיט מאַכן... נאָר די מוזע וועט אים מוחל זײַן, ווײַל ער באַנוצט זיך ניט

מיט דעם שטרענג געגראַמטן ליד; בלויז ווען דער גראַם קומט אים הינטערן עלנבויגן, דאַן לאָזט ער אים לייכט אַריין; און לייכטקייט איז תמיד שטרויכלדיק... אַ סימן, זיין אָפּטאָן צום צווייטן מאָל אַזאַ ספּאָנטאַנע לייכטקייט, דער גראַם: פידל מיט לידל...

לידל? ניין! עפּעס מוז דאָ זיין אַ טעות; מחמת דאָס קלענסטע ליד זיינס איז גאָר ווייט צו זיין ביי אים — אַ לידל...

אין די גרעסערע 12 פּאָעמעס איז ער קאַליידיסקאָפּיש; ער איז דער דיכטער פון דעם טיפן האזינה, פון גרויסן פאַרנעם און פאַרמעסט, וואָס וויקלט פּאַנאָראַמישע גרויסע קאַנוועס סיי ביים מאָלן פייזאַזשן און פּאַסטאָראַלע בילדער פון לעבן אין חוץ לארץ און דאָס בעמלעכע אין ישראל, אָדער ווען ער מעדיטירט וועגן גאָט און זיין אַלבאַשאַף. ער כאַפּט דעם לייענער אויף די פליגל און פאַר־טאַסקעט אים צו די הייכן פון זעלטענע מחשבותדיקע אייזבערג־שפּיצן און דאָרטן לאָזט ער זיך מיט אים אומגעשטערט גליטשן.

ער איז אַ פּאַנאָראַמישער פּאָעט־אינטעלעקט, וואָס וואַנדערט אויף מייליקע פליינען מיט וואָרט און געדאַנק און פאַרזייט אַ געזיי צום גאָפּן און דאַרפן פאַר כלערליי געמיטער.

נאָר אַזוי קאָן מען אַנען דעם פּאָעט פון אַזאַ־אָ קאַליבער; צוערשט אים באַוואונדערן, דערנאָכדעם — אים פאַרשטיין. אויף באַוואונדערן איז די צייט צו קורץ; פאַרשטיין האָט צייט; ניט איצט? איז שפּעטער. אויב ניט איך? וועט אַן אַנדערער אים פאַרשטיין. דעריבער איז אונדזער מאָטאָ: שרייב טיף, יידי־שער פּאָעט; ניי און שיין — די דאָזיקע „טרינִיטי" מוז זיין אין ליד. עס שרעקט מיך קיינמאָל ניט די טיפקייט, סע איז די פלאַך וואָס מאַכט מיר ציטערן אויס כעס; בלויז שיין אַליין קענען די גויים בעסער שרייבן; יידישע פּאָעטן זיינען ניט ככל הכנענים! זיי טראָגן אין זייער בלוט דאָס לעבן פון פיל דורותדיקע זיידעס. אַביסל ביאָגראַפישעס וויקלט זיך אַרויס אין דער פּאָעמע: „אונדזער זיידע יונה."

יידישע פּאָעטן האָבן אַ שלשלת היוחסין; זיי פאַרוואַרפן ניט די לידער פון די זיידעס; אַדרבא, זיי פאַרגעדענקען זיי אין זייערע אייגענע לידער און עס ווערט איין קוואַליקער ברונעם מיט געלידערטער חכמה און געזאַנג, מיט טראָפּ און נוסחדיקן ניגון פון פּאָעטיש אויסדערוויילטן, אייביקן גאַנג צו באַנייאונג.

פּאָעזיע דאַרף קודם־כל באַוואונדערט ווערן, דערנאָכדעם ערשט פאַרשטאַנען ווערן. דער לייענער דאַרף ביי זיך אויסאַרבעטן די געוואוינהייט; לייענט ער אַ פּאָעט וואָס זינגט, דאַרף ער קענען מיט אים מיטזינגען; אַ דיכטער וואָס טראַכט, — מיטטראַכטן; אַ דיכטער וואָס וויינט — מיטוויינען; אַ דיכטער וואָס שפּילט זיך מיט שפּילעוודיקייט פון לעבנשפּיל, דאַרף דער לייענער זיך קענען מיטשפּילן; נאָר אַ דיכטער וואָס איז באַנאַל און פלאַך, זאָל ער מיט אים ניט מיטפלאַכן.

צו זאָגן אַז גאָט איז אַ מין הערשעלע אָסטראָפּאָליער, איז אַ פּאָעטישע גע־אַנטקייט, נאָכמער: עס באַקומט זיך אַ פערצעפּציע אַז גאָט איז גוזמא; און גוזמא — פּאָעזיע. פון ביידע ווערט וואַרעם אין אַלע ווינקעלעך פונעם מאַרך... דאָס איז אין שייכות מיטן ליד „טשיקאַווע", וואו דער דיכטער באַווייזט ווי גאָט האָט אויסגעמייסטערט אַ צברא...

בדרך כלל איז י. פּ. אַן אידייאישער דיכטער מער ווי אַלץ אין זיין ליד; אפילו זיין אָרנאַמענטיק איז אַ מער אידייאיש־פאַרשלייערטע איידער אַ זילבער־



געגלעקלטע ווי מיר געפינען זי ביי סוצקעווערן; אין תוך איז ער אַ פּראָבלע־מאַטיקער, דער בויער וואָס טוט עגבערן מיטן צערעבראַלן חוש; ער איז דער קאָמפּאָזיטאָר פון מחשבה, חקירה — פּאָעטיקער, וואָס פאַרשאַרפט זיין פּראָזע ביז דער דינסטער זשעסטיקולאַציע־ציטערניש פון אַ לץ, וואָס דערמאָנט אָן דער טראַגישער געשטאַלט, אַרלעקין, צי טאַקע יידישדיקער, ווייל מיט דער גאָר קרובהשאַפט פון אונדזער אייגענעם הערשעלע אָסטראָפּאָליער. ווי וואויל די לעצטע פיר שורות אויף זייט 14 ווייזן עס אָן אויף דעם. מער שטריכן פון דעם מין זיינען דאָ, ווי רמזים וואָס ליגן אויסגעשאָטן ווי מאָזלען אויפן לייב פון זיינע פילע לענגערע פּאָעמעס און אפילו אין זיין קלייגעם ליד. נאָר דער עיקר אין: „דער חילוק צווישן יונה הנביא און יונה שוסטער", „שטערן אין טייך", „עולם התוהו", „טרויעריקע גראַמען", „אָ חבר דערציילט", „סיאָמע" און די „לעגענדע נח גרין."

נח גרין אפילו גיט אויך אַזאַ בונטאַרישן זאָג אַריין דער גאָטהייט:

„סאַראַ גרויל אייביק צו גאָטעווען אין אינסופיקן בלאָ."

און בלאָ געפינט זיך ביי אים אין אַ היבשער קאָלעקציע; בלאָע גיטאַרע, בלאָע פידלען, בלאָע טייכן; אויך פראָסט און שניי איז דאָ ביי אים אין אַ גרויסער צאָל. אויף זייט 94 געפינט זיך אָט אַזאַ שורה: „ווי שניי אויף ברענענדיקע בלומען". און אין דער זעלבער פּאָעמע: „שניי אין מידבר" צעפּלוישט ער זיינע געדאַנקען:

„ווי משוגענע אָדלערס אין פעלדזן, די פליגלען צעבלעטערט,
שלאָגן מיינע מחשבות זיך אָן אין גאָטס שטייניקן גוף
און ווערן צעשמעטערט...
— אַדושם, שריי איך, אַדושם!
איך וויל ניט לעבן אַז דו ביסט ניטאָ"!

אָט־אַזוי־אָ איז ער אַ סך מאָל פּאָעטיש־חקירהדיק פאַרכלינעט אינעם מעלאַנזש פון פרייפערזיקן אָנלויף, אַז אין איין פּאָעמע זאָל ער זיין עכט־ליריש, טיף־פילאָזאָפיש אין כפירהדיקן צאָרן און פּעליטאָניסטיש צעשויבערט אין אַ פאַרפרומטער פרימיטיווקייט, ווי אין זיין ליד: „מיר זיינען געגנוג קלוג." דאָ איז ער ווי דער אָדם השלום, וואָס בענקט נאָך דער אומגעאיילטער צייט.

ער איז אויך ביז גאָר באַלאַדיסטיש, ווי עס ווייזט אויף דעם זיין באַלאַדע „מלכות", און דאָ מוז מען ווידער אָנקומען צו דער אַנאַלאָגיע — גלאַטשטיין. ווי אַנדערשדיק איז ביי י. פּ. אויסגעקינסטלערט די חסידישע געשטאַלט פונעם ריזשינער קעגן בראַצלאַווער; ישראלטשי איז די סובטילע נגינה פון מחשבה; ער איז די קרוין פון תפארת שבתפארת פון חסידיש־פּאָעטישער גוזמאדיקער אויסגעחלומטקייט; רב נחמן — דאָס מלכותדיקע שטעלן אויף זיך... טאַקע מיטן גאַנצן שטעל און כוח המלכות!

אינעם ערשטן ליגט נוסח פון אַ חסידיש־פאָלקישער קולטור, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיטן סאַמע תוך פונעם לעבן גופא... אינעם צווייטנס, דראַמאַ־טיש־אויפגעשפּילטע אימפּראָוויזאַציעס פון אַ נעאָפּאָעטישן טייטש און ווערטל־דיקן קניטש אויף דער חסידישער וועלט מיט אירע גרויסע רביים און וואונדער־לעכע צייטן.

שעפערישע מענטשן אינטערעסירט די גאַנצע קולטור פון זאַכן איידער איינציקע טיילן אירע, ניט בלויז פראַגמענטן פון דער קולטור פאַר זיך באַזונדער; איינצל זאַכן פון איר קענען אַמאָל לחלוטין ניט צופרידנשטעלן. דערפון דאַרף מען דרינגען, פאַרוואָס איינציקע ווערק, דווקא פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלער, זאָלן נישט פאַרכאַפּן מיט זייער איינציקייט ווי דער סכום פונעם גאַנצן פאַרמעסט פונעם נעמלעכן קינסטלער; ער פאַרכאַפּט מיט זיין קוואַנטום שאַפן אין אַלגעמיין.

* * *

העברעאיש האָט געדאַרפן צו האָבן די גאַנצע תורה כדי צו בלייבן אַן אייביק לשון; יידיש? דאַרף האָבן דאָס פאָלק זאָל לעבן; דער פּאָעט? דאַרף האָבן ביידע; אַזוי יחוסדיק איז ער לויט זיין באַרוף און לויט זיין פּאָעטישן באַוואוסטזיין. דער פּאָעטישער טרויער אין זיינע צוויי לידער באַלד ביים אָנהייב פון בוך: „ליד" און „קלעזמער" טריפן מיט אַ גורלדיקן טרויער פון אַן אויסדערוויילטן, וואָס נאָר פרומע בעלי־תפילה — ווען זיי גרייטן זיך צו זאָגן: „הנני העני ממעש" — פילן אָט־די צעבראָכנקייט, פילן אָט־די כוונה פון זייערע שליחותדיקע ווערטער. און ווען וועדליק עס פילט זיך פון די צוויי לידער, אי די טבילה און אי די תפילה, רעפלעקטירט פון זיי אַ גרויסע עלנטקייט; אַ דערהויבענער צער פון אומפאַרמיידלעכער געשפּאַנטער גאַרונג און בענקעניש וואָס קומען ספּאָנטאַן, חושימדיק.

אפשר דאַרף קריטיק אויך געשריבן ווערן ווי פּאָעזיע? אויב זי איז באמת שעפעריש, דאַרף זי, זאָל זי אויפקומען ספּאָנטאַן, חידושדיק מיט אַלע שפּירונגען בחוש החושים, ווי ליד אַנטפּלעקט זיך — קונסט, עסטעטיק.

י. פ. איז פאַרוויקלט אין ניט קיין גרינגע מחשבות; פּאַקט ער אַ געדאַנק וואָס וויל פון אים אַנטלויפן, יאָגט ער אים נאָך, כאַפּט אים און אויב ער איז שווער און טונקל, צינדט ער אים אָן מיט וואָגיקער קלוגשאַפט. אָט־אַזוי־אָ האָבן יידן געלערנט מיט דער הילף פון אַ שטיקעלע רש"י, אַ שטיקעלע אבן עזרא, רמב"ם און אַנדערע מפרשים. זיי האָבן ניט גענומען פּסוקים מיט געדאַנקען לייכט; ניט נאָר האָבן זיי גענומען אַ האַרבן שווערן ענין און אים דערקלערט, אויסגעטייטש, נאָר אים געמאַכט ווערטפול אַרבעטן. יאָ, זיי האָבן אפילו גענומען אַ געוויינלעכן פּסוק, וואָס איז געווען איינפאַך און לייכט, און אים אויך געטייטשט, פאַרטייטשט און אויסגעטייטשט.

פאַרוואָס? צוליב וואָס? צוליב לערנען. לערנען לשמה איז אַ מדרגה. און אפשר האָבן זיי פיינט געהאַט די לייכטע גרינגקייט פון געדאַנק; זיי האָבן לשם טיפקייט די מינדסטע זאַך פאַרטיפט און אָנגעפילט מיט הויכע ווערטן, זיי מתקן געווען.

דאָס נעמלעכע טוט י. פ. מיט זיין ליד; די לייכטסטע טעמע, שטימונג צי אַנטפּלעקונג, נעמט ער אויף און גיט זי איבער מיט זיין פּאָעטיש־טיפער וואָג; אַלץ גייט ביי אים דורך דעם זעלבן פרידמאַנישן ספּעקטרום.

זיין ליד, „דער עקשן", גיט איבער אַ דיאַלאָג צווישן אים און דעם גערעדטן וואָרט. דער דיכטער באַקלאָגט זיך פאַר דעם, אַז כל המינים זאַכן ווילן פון אים זייער באַשייד און ער וויל ניט נוצן קיין עקספּלואַטירט וואָרט, וואָס סע איז שוין אויסגעהאָרעוועט, פאַרגאָסן מיט די לעצטע שווייסן; ער וויל אַ ניי, ערשטיק וואָרט... דאָס וואָרט אָבער לאַכט פון אים, באַליידיקט אים און רופט אים אַן „טיפּש! צו אַלעמען קום איך אַזוי"; נאָר דער עקשן, דער פּאָעט, וויל ניט אַזוי; צו אים זאָל עס קומען אין אַן איינציק באַזונדערקייט, אינעם ערשטמאָליקן מאָל...

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וואָרט „עקשן", פאַר פּאָעטישער אינאָוואַציע, איז צו טרוקן; עס איז באַרעכטיקט צו אַ מער איידעלערן עפּיטעט; סיידן דאָס זאָל זיך באַציען אויפן וואָרט גופא, וואָס איז טאַקע פיל מאָל דער אמת־איינציקער עקשן!

אַוודאי איז י. פ. ניט פון די לייכטע לידעריסטן, וואָס מיט איינמאָל איבערגייט זיין פערז ווערט אַלץ קלאָר. מע דאַרף גענוג אַריינלייגן קאָפּ און עפּעס צוגעבן פון זיך; כאָטש אַן אייגענעם שכלדיקן קוועטש וואו מע דאַרף, און זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער גלאַטער, אָנגענומענער פאַרשטענדלעכקייט. אמת, הייַנטיקס צייט, ווען אַלץ אַרבעט מיט דער גרינגסטער פאַרשטענדלעכקייט פון אַ קוועטש מיט אַ קנעפּל און ס'איז — ויהי אור — איז דער צוגאַנג צו אַזאַ פּאָעט רוגזהדיק! סטייטש?! און קיינער וויל דאָ גאָרניט קוועטשן. כאָטש אין אונדזער וואונדערלעכן יידיש איז פאַראַן אַזאַ טרעפלעכער זאָג: באַנק־קוועטשער!

ס'איז אַ שטאָלץ צו וויסן, אַז מיר יידן זיינען דאָס ציוויליזירטסטע פאָלק; מיר האָבן שוין אפילו די באַנק „געקוועטשט" און אַרויסגעצויגן פון איר תלמידי חכמים און חריפותדיקע בעלי־שכל. און געקוועטשט האָבן מיר דווקא אָן אַ קנעפּל; אַ קונץ צו קוועטשן מיט אַ קנעפּל?!

זיין ליד „בטלנים" האָט אין זיך די געקליבענע חכמה צו דעם וועלט־מענטש־גייסט, צום רעטעניש; אַלץ איז ווי אַ מין קאַטאָוועס, אַזאַ געמייסטערטע אייביקייט־שפּיל. ער פאַרקערפּערט דאָס נעמלעכע אויך אין זיין ליד „טשיקאַווע". יאָ, אַלץ איז מיטן קאַפּריז פון אייביקייט־שפּיל; נאָר ניט דער פּאָעט; ער איז וואָרע וואָר — דער אמת ויציב, דער אַלמעכטיקער וואָס פאַרמעסט זיך מיט גאָט, אַז ער, דער פונעם אַלבאַשאַף, קען גאָר ניט באַשאַפן אַזאַ טפל־נישטיקע זאַך, וואָס י. פ., דער פּאָעט, זאָל עס ניט קענען מתקן זיין, סע זאָל ווערן ביי אים אַ ליד... אַזוי גרויסט ער זיך אין זיין ליד: „דער פּאָעט זאָגט."

דאָס איז פּאָעטישע גדלות. פּאָעטישע העזה דקדושה פון גרויסדיכטערישער וואָרער־וואָר, וואָס שטעלט זיך ראַנגלען מיטן „מטורף" פון וועלט־באַשאַף, ווי יעקב מיטן מלאך. אָבער דאָך, דער פּאָעט קומט אַרויס פונעם געראַנגל פּאָרט ניט קיין הינקעוודיקער... ניין. ס'מאַכט ניט וואָס ער בלייבט אין זיין גורל דער טרויעריקסטער פון אַלע טרויעריקע פּאָעטן; ער איז דער לעגענדאַרער נוח וואָס בויעט פון לידער אַ תיבה און איז פּאָרט אַ זינגעוודיקער! אויב אפילו נישט ביים פאָלק, איז ער פאַר זיך אַליין דער זינגער; אַמאָל אויך אַ זינגעוודיקער ביי פּאָעטן.

און געזאַנג איז די מדרגה פון אייביקייט. אייביקייט — גוזמא און לעגענדע צום עכטן פּאָעט.

זיינע ביכער זיינען די אָפּגעלאָפענע יאָרן פון דורות, וואָס הויערן מיט דעם יידישן פאָלקלאָר אין זיין פולן סימבאָל און מיטאָסדיקע געשטאַלטן.

## „אין טעג פון געראַנגל"

ס'איז פאָרמירט געוואָרן אַ י. פרידלאַנד בוך קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דעם מחברס פערטן בוך, נאָוועלן און דערציילונגען, אונטער דעם אויבנדערמאָנטן טיטול. דאָס בוך וועט בקרוב אַריין אין דרוק. פאַר אינפאָרמאַציע אָנצופרעגן אין רעדאַקציע פון „חשבון".

לוי גאָלדבערג

# זייט בײַ זייט

(סאָנעט)

אין מינדסטן טאָט באַנאַרישט זיך דער מענטש אַביסל,
ווייל קלוג צו זיין איז די באַשערטקייט „אים" אַליין.
דער מענטש, ער רייסט זיך אָפּטער צו גאָטס חכמה גיין —
נאָר פאַרן פרדס, דינט אים ניט דער שליסל.

ווען ערד איז אָנגעשראָקן פון אַטאָם און מיסל,
ווי קען גאָר דינען ביי דעם מענטש דער קלאָר פאַרשטאַנד?
ער קוליעט זיך אַריבער דריי מאָל נאָכאַנאַנד,
ווען ער אַליין גאָר שטעלט זיך צו פאַרשייט אַ פיסל.

אָפּט ווען חכמה פלעגט אים מיט גליק ביים לעבן,
קומט צו אים די נאַרישקייט אויף אַ באַזוך —
און ביידע וואוינען זיי צוזאַמען — אין אַ ווידערשפרוך —
ווי דאָרן איינגעצווילינגט, ביי אַ בוים דערנעבן.

אין יעדן טאָט שטרויכלט זיך דער מענטש אין שכל,
ווייל מיט דער נאַרישקייט וואוינט ער אין איין היכל.

חנה סאָלאָוו

# דער גורל פירט בלינד

אַמאָל קומט אַ טאָג פון שטומען,
ווען אין האַרצן ברויזן ריסן —
און די ווינטן רוישן, ברומען,
און דיין האַרץ קענסט ניט פאַרשליסן!...

און אַליין, ווי בוים אין פעלד,
דורך שווערע נעכט און שטורעמווינט —
און פון קיין זאַך ניט פאַרשטעלט,
און דער גורל פירט דיך בלינד...

און אויף די וועגן שטערן פאַלן,
און דו, אַזוי שטיל, פאַרטראַכט —
און הערסט שרייען, די שאַקאַלן,
דורך דער לאַנגער בלויער נאַכט!

עס שרייען שאַקאַלן אין טיפן בלוי,
צי זיי בעטן, צי זיי וויינען?
צי זיי בענקען אויך אַזוי?
און דער מענטש מיט זיי אינאיינעם!...



נח גאָלדבערג

# די מאַמע

(דערציילונג)

גיטל, משה דעם וואַלד־סוחר'ס אַלמנה, איז צוגעגאַנגען צום אויוון. ס'איז געווען זומער. דעם אויוון איינהייצן האָט זי ניט געוואָלט. האָט זי אונטערן דריי־פוס אונטערגעלייגט עטלעכע שפענדלעך, דאָס אָנגעצונדן און אַרויפגעשטעלט אַ קליינעם, ליימענעם טעפּעלע, מיט האָבערנע גרויפּן, צום קאָכן.

די שפענדלעך האָבן זיך צערויכערט און דערנאָך — אויפגעפלעמלט. דינע פייער־שלענגעלעך האָבן געלעקט דאָס ליימענע טעפּעלע, דאָס אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שוין געהערט דאָס שטילע קאָכן פון די גרויפּן, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע שטיבל מיטן געשמאַקן טעם פון וואַרעמער אַכילה.

אַז דער קרופּניק איז סוף־כל־סוף פאַרטיק געוואָרן, האָט זי דאָס טעפּעלע אַראָפּגענומען פונם דרייפוס און עס אַוועקגעשטעלט אויפן פריפּעטשוק. דאָס געקעכץ אַריינגעגאָסן אין אַ טיפער טעלער, מיטן שפּיץ מעסער אָפּגעבראָקט אַ היבשן שטיקל טוקעוון שמאַלץ און זי האָט געזען ווי דער שמאַלץ איז גיך צעגאַנגען געוואָרן און אין טעלער פאַרזייט טויזנטער געלע פּעטע אויגעלעך, און מיט זייער מאַראַנצענעם קאָליר גערייצט די אויגן.

האָט גיטעלע אַ פּאָר זופּ געטאָן און דעם לעפל צוריק אַוועקגעלייגט. ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין האַלבן טאָג. אין שטיבל האָט אַריינגעקוקט אַ דערביי־איקער בוים. אמת, ער איז ניט געווען קיין הויכער און צו גראָבער, נאָר דערפאַר אַ פאַרצווייגטער, אַן אָנגעשאָטענער מיט גרינע שאַרף־צינגלדיקע בלעטער, צווישן וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזען שווערע און זאַפטיקע עפּל, מיט רויטע אויסגעקושטע בעקעלעך פון דער גליאיקער זון.

די אַלטיטשקע האָט געעפנט דעם פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום סאָד. אַ ריח פון האַלב־צייטיקע פירות, פון פרישן אָפּגעשניטענעם גראָז, האָט איר מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן אין פנים. האָט גיטעלע אַ ווײַלע באַטראַכט דעם בוים און אַ שווערן זיפץ געגעבן:

אַך גאָטעניו, ס'אַראַ שיינקייט ער איז! פרילינג־צייט בליט ער אויף, ווערט אָנגעטאָן איז גרינע מלבושים, וואָס גיבן אים צו טויזנטער חנ'ען. ער טראָגט אויף זיך אַזוי פיל עפּל, און — זי, גיטעלע, וואָס, האַ? אַ לעבן האָט זי אָפּגעלעבט צוליב די קינדער: דריי זין מיט צוויי מוידן. איינע שענער פון דער אַנדערער. שטענדיק געפּאָרעט זיך אַרום זיי, געהאָדעוועט, געהיט, ווי די שוואַרצאַפּלען אין די אויגן. זי האָט געהאָפט, אַז אויף דער עלטער וועלן זיי זיין, אויב נישט מיט איר, איז כאָטש אַרום איר. נאָר מיטאַמאָל זיינען זיי זיך צעפאָרן און דאָס שטיבל איז געוואָרן פוסט...

זי האָט איצט אַ קוק געטאָן אויף די ווענט, אויף די ברייטע פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זיינען געהאָנגען און געשטאַנען גרויסע קופּערנע טעפּ; פליישיקע פון איין זייט און מילכיקע פון דער אַנדערער. זי האָט געזען די רונדע מעשענע פאַנען מיט די שוואַרצע פינטעלעך, וואָס פליגן האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט; אפילו דער פּוזאַטער הליאָק, יילכער איז געהאָנגען אויף אַן אויערל, איז געווען באַ־

וואַקסן מיט אַ געדיכטן שטויב. האָט גיטעלע אַ טראַכט געטאָן: מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. שוין לאַנג ניט גערייניקט זיי. און די טעפּ, וואָס זיינען ביי איר פאַרבליבן ווי אַ זכר פון דער צייט ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע מאַמע און אַ ווייב — געקאָכט, געבאַקן, געצוואָגן און געהיט, אַז די קינדער זאָל חלילה גאָרנישט פעלן — אָט־די טעפּ האָט זי איצטער אַראָפּגענומען פון די ווענט, פון די פּאָליצעס, און מיט אַביסל צעמאָלענעם קאַלך זיי לאַנג געשייערט, געשווענקט, אויסגעווישט און דערנאָך צוריק אַרויפגעשטעלט און אַרויפגעהאָנגען אויף די פריערדיקע ערטער.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּוצן די טעפּ, איז זי, אַ מידע, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער טובאַרעטקע, וואָס איז דערביי געשטאַנען. זי האָט געקוקט מיט מילדע בליקן אויף דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, אויף די טעפּ, הייסט עס, וואָס זיינען ליכטיקער, פריילעכער געוואָרן און מיט זייערע רויטע, מעש און קופּערנע לייבער, געוואַרעמט גיטעלעס האַרץ.

אַז גיטעלע האָט נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט צו פאַרבייטן, זיינען איר די טעפּ געווען נאָענט צום האַרצן, ווי מען זאָגט דאָס אין ביכער, און אָפט, ווען די עלנטקייט איז איר באַפאַלן און צעריסן די נשמה אויף שטיקער, איז זי צוגעגאַנגען צו די פּאָליצעס און אויסגעטענהט זיך מיט די טעפּ, ווי מיט מענטשן, ווי מיט אייגענע קינדער, און ניט איינמאָל האָט זיך דער אַלטער מאַמען אויסגעדוכט, אַז די טעפּ האָבן פאַרשטאַנען אירע רייד, באַנומען איר צער און אָפּגעענטפערט מיט אַזעלכע שאַרפע, אָבער וואַרעמע גלאַנצן, וואָס נאָר קופּערנע און מעשענע כלים קאָנען פון זיך אַרויסגעבן.

גיטעלע האָט געקאָנט יעדן טאָפּ באַזונדער. זי האָט אפילו געוואוסט וויפיל שטרייפעלעך, וויפיל קנייטשעלעך און פּאַסיקלעך עס איז געווען אויף זיי. יעדער טאָפּ האָט איר דערמאָנט אַן אַנדער יום־טוב, אַן אַנדער מ א כ ל, וואָס זי פלעגט קאָכן אין זיי און די טעמים, אָט־די געשמאַקע טעמים פון די אַמאָליקע געקעכצן — זיינען איר ניט אַראָפּ פון גומען ביז אויף הייַנטיקן טאָג...

אַזוי ווי זי האָט זיך איצט אַריינגעטאָן אין דער טעפּל־וועלט, האָט זיך די אַלטיטשקע מאַמע דערמאָנט: אַ פרייטיק איז דאָס געווען. אינם גרויסן טאָפּ, אָט־דער וואָס האָט געהאַט צוויי הענטלעך ביי די זייטן—אין אים האָט זי געקאָכט פיש. אַלע טעמים האָט דאָס געהאַט! און ווי די פיש־פאַרקויפערין האָט איר דאַמאָלסט פאַרזיכערט: „פרישע פיש! ערשט פון טייך אַרויס!"...

אין דעם קלענערן טעפּל, וואָס איז געווען אַזוי בייכיק, ווי אַ טראָגעדיקע פרוי, האָט זי געקאָכט אַ הון. ביים לעבן איז די הון גראָדע געווען אַ גרויסע לייגערקע. נאָר אויף דער עלטער האָבן ביי איר אַפּנים קיין אייער מער ניט געסטייעט. איז זי מסתמא דערפון געוואָרן מאָגערער פון טאָג־צו־טאָג ביז גיטעלע האָט דאָס שוין מער ניט געקאָנט צוזען, אויף איר רחמנות געהאַט, געבונדן די פיסלעך, אַוועקגעטראָגן צום שוחט און זי געלאָזט שחטן...

דער טיש, אַ גרויסער און אַ פירקאַנטיקער, מיט אַ ציכטיק ווייסער סערוועט באַדעקט, איז געשטאַנען אין מיטן עס־צימער. אַרום אים — זיבן ווייכע שטולן; פינף פאַר די קינדער און צוויי פאַר איר מיט „אים". אין די פיר אויסגעשייערטע זילבערנע לייכטער, וואָס זי האָט נאָך געקראָגן דרשה־געשאַנק פון איר באָבען



ע"ה — האָבן געברענט זעכצענער ליכט און באַשיינט די שטוב מיט ערב־שבת־דיקייט און רוח הקודש.

און די קינדער?... אויסגעצוואָגענע, אַרומגעוואַשענע און אָנגעטאָנענע אין די שבתדיקע בגדים, מיט אַזעלכע לויטערע און שיינענדיקע פּנימער, ווי ביי מלאכים זיינען דערוויילע געזעסן אַרום טיש; זיי האָבן געלאַכט, געשטיפט און אפילו אַביסעלע געקריגט זיך איינער מיטן צווייטן איבער עפּעס אַ קלייניקייט, ווי ברידער מיט שוועסטער פלעגן דאָס אָפט טאָן, און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זייער טאַטן, וועלכער איז אַוועק אין שול דאַווענען.

נאָר שפּעטער, ווען משה, איר מאַן און דער טאַטע פון די קינדער, איז געקומען פון שול און געעפנט די פאָדערשטע טיר, האָבן זיך די קינדער אויפגעשטעלט פאַר אים (אַזוי איז דאָס ביי גיטעלען געווען איינגעפירט), אים אַזוי אַרום אָפּגעגעבן כבוד הייסט דאָס, און אַלע אויף אַמאָל האָבן אַ זאָג געגעבן:

— גוט שבת, טאַטע!

— אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר אויף אייך! — האָט ער זיי געענטפערט; אָפּגעוואַשן זיך די הענט, געזאָגט „שלום עליכם" און דערנאָך קידוש געמאַכט איבער די צוויי גרויסע חלות.

און זי, גיטעלע? מיט אַ פאַרריסענעם נאָז, ווי ביי אַ גרויסער און רייכער באַלעבאָסטע, האָט פון דעם ברייטן און טיפן זילבערנעם פּאָלומעסיק, אַרויסגענומען די פיש, געטיילט יעדערן אַ פּאָרציע און, אַז אַ קינד, און ווער רעדט שוין, אַז ער, משה אַליין, האָט געבעטן נאָך אַ חלק, איז זי דאָך געווען מלא שמחה און אַרומגעגאַנגען אַרום דעם גרויסן טיש אַ שטאָלצע און אַ צופרידענע, וואָס זי האָט אַזוי אויסגענומען מיט איר געשמאַקן קאָכן...

יאָ, דאַמאָלסט איז זי געווען די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט! קיינער איז צו איר ניט געווען גלייך. זי האָט געהאַט אַרום זיך אַ שיינע פאַמיליע, אַ גרויסע, איינגעפונדעוועטע שטוב פון כל־טוב און איר שם אַלס „גרויסע באַלעבאָסטע" האָט זיך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָט און אַלע ווייבער זיינען איר מקנא געווען.

אָבער דאָס גליק, ווי אַלץ אויף דער וועלט, האָט צו־לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. איר משה איז קראַנק געוואָרן, מער ווי אַ יאָר כמעט אָפּגעלעגן אין בעט און פון דער וועלט אַוועק. דאַמאָלסט זיינען זיך די קינדער צעלאָפן — ווער קיין קיעוו, ווער קיין כאַרקאָוו, אָדעס, און דער סאַמע יינגסטער האָט זיך אַזש קיין אַמעריקע פאַרקליבן, און איבערגעלאָזט זי אַליין, אין דער אייגענער, אָבער פרעמד געוואָרענער שטאָט, פּונקט ווי זי, גיטעלע, וואָלט גאָר קיינמאָל קיין קינדער אויף דער וועלט ניט געבראַכט...

בלויז די אַלע טעפּ מיט די פאַנען, אָט־די טעפּ האָבן זיך, ווי אמתע פריינט, מיט איר ניט געשיידט, און מיט זייערע קופּערנע און מעשענע בליקן אָנגעפילט דאָס שטיבל און אפילו גיטעלעס האַרץ גופא מיט האָפענונג און טרייסט, אַז די קינדער וועלן זיך נאָך ווען עס איז דערמאָנען אָן דער מאַמען, פאַרבענקען זיך כאָטש נאָך אירע אַמאָליקע געשמאַקע מאכלים און צוריקקומען. אין אַזעלכע מינוטן, ווען זי האָט אַזוי געקלערט פון די קינדער, אויף וועלכע גיטעלע האָט כאָטש נאָך איינמאָל אין איר לעבן געוואָלט אַ קוק טאָן, אין אַזעלכע רגעס האָבן

זיך אירע שפּיץ קינבאַקן צעפלעמלט מיט אַ רויטלעכן פאַרב און דאָס האָט דער אַלטיטשקער מאַמען אַוועקגעטראָגן צום גאָר־גאָר ווייטן אַמאָל...

וואָס אמת איז אמת, די טעפּ האָט גיטעלע פון דאַמאָלסט אָן קיינמאָל ניט גענוצט. פאַר זיך אַליין, מישטיינס געזאָגט, האָט זי איינגעקויפט אַ בלעכענע פענדעלע, אַ קליינעם, ליימענעם טעפעלע, אויך אַ הליאָקל איינגעהאַנדלט, אַז זי זאָל האָבן אין וואָס אויפצוקאָכן טיי, אָדער אַביסעלע צעקאָריע אויף שבת. אָבי ניט צו טשעפּען די גרויסע מעשענע און קופערנע כלים...

די ערשטע יאָרן פון איר איינזאַמקייט, ווען די קינדער זיינען זיך צעפאָרן אין דער ווייטער, ווייטער וועלט אַריין, איז גיטעלע זעלטן פון שטוב אַרויס. זי האָט זיך געשעמט פאַר די שכנים, און אגב האָט זי פשוט ניט געוואָלט אַז מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן. דערפאַר טאַקע, ווען זי פלעגט אַמאָל גיין אין מאַרק עפּעס איינקויפן, האָט זי באַדיי אָנגעלייגט אַ סך וועג און געדרייט זיך דורך הינטערגעסלעך, וואו מען האָט איר ווינציקער געקענט, איידער אין די הויפט־גאַסן.

אָבער ביסלעכוויז האָט זי זיך פאָרט צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז קינדער זיינען בלויז קינדער נאָר דאַמאָלסט, ווען זיי זיינען קליין און נויטיקן זיך אין דער מאַמעס מילך. יאָ, דאַמאָלסט האַלטן זיי זיך אָן דער מאַמעס פאַרטוך. אָבער קוים וואַקסן זיי אונטער, צעפליען זיי זיך, ווי פייגעלעך פונם אַלטן נעסט. יעדערער אויף זיין וועג, וואָס איז פאַר אים, צי פאַר איר, אָנגעצייכנט עפּעס פון אַ געהיימער, ניט זעעוודיקער האַנט...

און די שכנים, וועלכע האָבן זי געקענט נאָך פון יענער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַן אמתע גרויסע באַלבאָסטע, האָבן איר אָפט אָפּגעשטעלט בעתן גיין ערגעץ און מיט פריינטלעכקייט געפרעגט:

— נו, גיטעלע, וואָס מאַכט איר? וואָס הערט זיך ביי אייך? עס קומען אייך עפּעס אָן בריוו פון אייערע קינדער? שיקן זיי אייך כאָטש אויף דער הוצאה?...

און כאָטש גיטעלע האָט שוין פון לאַנג געטראָגן אַ טיפן פאַרדרוס אויף די קינדער, הלמאי זיי האָבן פאַרגעסן אָן דער אַלטער מאַמען, זי פאַרלאָזט און שיקן אפילו ניט קיין פאָר ווערטער, האָט זי דאָס אָבער ניט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר לייטן, און יעדעס מאָל געענטפערט:

— וואָס הייסט עפּעס ניט?... מיינע קינדער, זאָלן געזונט זיין, שיקן אַ סך בריוו... און געלט, מיינט איר, זשאַלעווען זיי מיר? חלילה! ווען איך וואָלט זיי וועגן דעם נאָר איין פּיפּס געטאָן, וואָלטן דאָך מיינע קינדער, געזונט זאָלן זיי זיין, מיר געשיקט אפילו גאַנצע הונדערטער!... אָבער ווער דאַרף זיי האָבן?... מיר פעלט דען חלילה עפּעס?...

נאָך אַזאַ מבול פון פראַגן און נאָך אַזאַ מין פאַרענטפערן אירע קינדער, האָט אַלעמאָל גיטעלען אָנגענומען ביים האַרצן. און אַוועקגייענדיק פון די פרע־גערס, צי פון די פרעגערינס, האָט זי זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, געוויינטלעך פלעגט זי צוגיין צו אַ דערבייאיקן פאַרקן, אַז לייט זאָלן דאָס ניט דערזען, און דאָרטן גוט אויסוויינען זיך אויף איר עלנטן לעבן און אויף איר פינצטערן מזל.

אַזוי האָט דאָס די אַלטיטשקע מאַמע געמאַכט אָנשטעל ביז אין אַ געוויסן פרייטיק, ווען גיטעלע האָט אין הויף אַרויסגעטראָגן די גרויסע קופערנע כלים;



לאָטי פ. מלאך

# „לאַ פאַם בראון“

(דערציילונג)

ווען וואַלטער ראָש איז צוריקגעקומען פון שפּאַניע אַ פאַרוואונדעטער, האָט מען קיין גרויסן עסק דערפון ניט געמאַכט. ס'איז נאָך געווען אַ היבש ביסל פאַר דער צייט. קיין אָפיציעלע מלחמה איז נאָך דמאָלט ניט געווען, בלויז אָפּגעריסענע פיילן פון פינצטערע הענט האָבן צעשניטן די לויטערע לופט.

דאָס שפּאַנישע פאָלק, ווי אַ פריש אויפגעוואַכט קינד, איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ס'האָט אָנגענומען פאַר ליב די איינצעלנע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן ביי דער רעפאָרמירנדיקער אַרבעט. ובפרט, אַז די קוילן זיינען געפלויגן פון סאַנטאַ פענצטער אַרויס און האָבן זיך אָפּגעריסן פון שוואַרצע כאַלאַטן מיט שיינענדיקע צלמים, און מיט דעם קאַטוילישן קלער האָט מען זיך ניט געוואָלט אָנהויבן, האָט מען געדולדיק „געשלונגען“ די פיילן.

וואָלטער ראָש האָט באַוואונדערט די קילע איינגעהאַלטנקייט פונעם הייסן שפּאַניער; גאָרנישט ווי אין די מעשיות מיט די קינזשאַל־העלדן; גאָרנישט ווי די אייפערזוכט טענץ פון אַ כאָזע גרעגאָר. ער האָט געזען פאַר זיך אַ צעבונדן פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען, ווי אַ וואונדער פון דער צייט צו אַ ניי לעבן.

וואַלטער, וועלוול ראָש, ווייסט ניט גענוי נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער, וואָס אים האָט געבראַכט אין דעם פרעמדן לאַנד אַריין. ווי נאָר ס'האָט זיך צעטראָגן די בשורה פון דער אויסדערוויילטער דעמאָקראַטיע, האָט ער עס ניט אויסגעהאַלטן און איז געקומען צו לויפן דאָ אַהער, און האָט זיך, ווי מיט געוואַלד אַריינגעשפּאַרט אין דעם עקזאָטישן לעבן. ער האָט זיך געפרייט מיט אַלץ און אַלעמען, גלייך ער וואָלט דאָ געהאַט אַ חלק אין דעם.

„כאַוואַדזשי“ האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז דאָס „אָרעמע“ לאַנד איז גאָרניט אַזוי אָרעם ווי מען האָט געמיינט; אַז די אָרעמע היים פאַרמאָגט גאָלד און ברויט, ווייַן און האָניק און פירות. מען דאַרף בלויז צענעמען די הענט און פאַרדינען, ניט חלילה רויבן.

פרעגט וואָס טוט דאָ וועלוול פייוויש לייבס? ווער האָט אים גערופן אַהער? קיינער ניט. ער האָט זיך אַליין גערופן. אַזוי זיינען שוין די יונגעלייטלעך מיט

---

זיי דאָרט לאַנג געשייערט, געשווענקט און דערנאָך אָנגעגאָסן מיט וואַסער און אַריינגעשטעלט אין דעם אָנגעצונדענעם אויוון. דאָס אַלץ האָט זי געטאָן כדי מענטשן זאָלן מיינען אַז זי קאָכט אין זיי ווידער אַזעלכע גוטע פּאַטראַוועס ווי אַמאָל. איז גראַדע אַ שכנה אַריינגעקומען אין שטיבל, צופעליק מסתמא אַריינ־געקוקט אין אויוון און דערזען, אַז ווייט, פאַררוקט און פאַרשטעקט הינטער די גרויסע קופערנע טעפּ מיט וואַסער, אַזוי געשטאַנען אַ קליינינקער ליימערנער טעפל, אין וועלכן ס האָבן זיך בלויז געקאָכט אַ פּאָר קאַרטאָפל. איז זי, ווי אַ גוטע שכנה, אַוועקגעלאָפן צו זיך אין הויז און געבראַכט פון דאָרטן אַ שטיקל עוף מיט אַביסעלע יויך, אַז גיטעלע, די אַמאָליקע גרויסע באַלעבאָסטע, זאָל כאָטש האָבן מיט וואָס צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ אויף שבת.

חלומות אין די אויגן און בטחון אין האַרצן, וואו נאָר ס׳גיט ערגעץ אַ שפּראָץ אויף פרייהייט זיינען זיי דאָ . . .

וואָלטער־וועלוול איז געווען איין מענטש אויפן יאַריד; ער האָט גאָרניט געוואוסט וואו פריער צו זיין: זאָל ער פאָרן קיין מאַדריד אָדער קיין סעוויל? אָדער פריער קיין מאַלאַגאַ? ער מוז באַזוכן דאָס גאַנצע אויפגעלעבטע לאַנד. נאָר... צי זאָל ער זיך ניט געבן פריער אַ כאַפּ אַריין קיין פּאָרטוגאַל צו די אנוסים?

ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פלאַנעל אנצוג מיט שווערע שיך. די זון האָט געוואַרעמט מיט הייסן גלי. אונטערן העמד זיינען ריטשקעלעך שווייס אַראָפּגערונען איבער זיין רוקן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ היבשלעך אָנגעפּאַקטער מענטש מיט אַ „ווייצענעם" פּנים און אַ קרישטאָל ריינעם בליק. זיינע באַקן האָבן זיך גערויטלט אין דער זון. אוי, ווען ער ווערט נאָר באַפרייט פון די שווערע בגדים . . .

סוף־כל־סוף האָט זיך עמיצער דערבאַרעמט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען אַ שמאָל געסל איז געשטאַנען ביי איינעם פון די קרעמלעך אַ פאַרזאָרגט שניידערל און האָט אויסגעקוקט אַ קונה. ווער מאַכט עס זיך נייע קליידער אין אַזאַ צייט? דערזען וואלטערן מיט זיין שווערן הולך איז דאָס ברוין־הויטיקע שניידערל מיט די שיינע אַרויפגעדרייטע וואָנצעלעך פאַרציטערט געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן און האָט אויף אים אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע מאַגנעטיש טונקעלע אויגן:

— סעניאָר, פּאַסעי! — ער האָט אים ממש אַריינגעשלעפּט ביי די פּאָלעס; האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אים הכנעהדיק אַרומגעווישט דעם שווייס פונעם פּנים און האָט אים אָנגעמאָסטן אַ ווייס־לייווענטענעם אָנצוג:

— סעי סאַ" — האָט ער מיט אַנטציקונג אויסגערופן.

וואָלטער האָט בלויז געוואָלט וויסן איין זאַך: וויפיל? כמה? „קידאַנטאָ"?

וואָלטער איז איצט געגאַנגען אַן אויסגעלייזטער פון זיינע שווערע בגדים מיט לייכטע, זינגעוודיקע טריט. זיינע רויטלעך־בלאָנדע האָר זיינען ביי די שלייפן געווען אויסגעוואַלגערט, נאַס. נאָר זיינע קרישטאָלענע בליקן, וועלכע זיינען תמיד צעשראָקענע געלאָפן פאַראויס, זיינען איצט געשפּרונגען, ווי די הירשן מיט הערנער פאַרריסענע צום הימל. אַלץ האָט ער באַוואונדערט, אויף אַלץ איז אים געווען אַ חידוש און אין די אויערן האָבן אים גערוישט זיסע נגונים ווי בשורות טובות.

— אפשר גאָר זיך דאָ באַזעצן? — האָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטאָן. ערגעץ־וווּאו דאַרף זיך דאָך אַ מענטש אַמאָל צושפּאַרן. נאָר אין מוח פונעם זשאַדאָווער רבס אייניקל האָט אַ קלאַפּ געטאָן: „חרם על שפּאַניע!" — ער האָט ניט דערפון, האָט ער זיך גלייך אָפּגעענטפערט. און האָט ווייטער געשפּאַנט איבער די זון־פאַרפלייצטע גאַסן אין באַרצעלאָנאַ.

— „טראַוואַי, עי"? — האָט ער זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן אַ בינטל גאַסן־קערער, וועלכע האָבן געקערט מיט פלייס און התמדה.

— סי, סעניאָר — האָט אים אַ שוואַרץ, גלאַנציק פּנים מיט לאַכנדיקע אויגן געענטפערט. די אַנדערע דריי האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד. זייערע האַרטע פּנימער זיינען געוואָרן אָנגעכמורעט: צי איז דאָס ניט אַמאָל איינער פון יענע?... נאָר ניין: „כאַוואַדזשי" — האָבן זיי אָנגעשפּאַרט די רויט־בעזימער אין אַ דריי־עק און אים אַריינגעשטופּט פיר קויטיקע ידיים פאַר אַ שלום־עליכם.



העַנט האָבן זיך צעפּלאָכטן אין אַ שמועס.

— „סי, טראַוויי" — שוין צייט אויך אונדזערע געסלעך אויסקערן. פאַראַן אַ סך ביי אונדז וואָס צו קערן... האָט אים איינער געגעבן אָנצוהערן. נאָר וואלטער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט ער בלויז געענטפערט אויפן ערשטן זאַץ.

— יאָ, שוין צייט, שוין לאַנג צייט געווען.

— אַ מוזיקער גאָר ביזטו? — האָט איינער אַ קנייטש געטאָן מיטן שטרויענעם קאַפּעלויש — און מיר האָבן געמיינט אַן אַמעריקאַנער...

— אַ מוזיקער, אַ פּשוטער מוזיקער — האָט וואלטער גענומען האַסטיק דערציילן: — בין געקומען אויפנעמען אייער ניי געזאַנג, אייער פריידיק געזאַנג. אַמאָל האָט מיין פאָלק דאָ געלעבט במנוחה — האָט ער צוגעגעבן מעלאַנכאָליש — און אַמאָל... — נאָר ניִשט איצט איז די צייט צו ריידן דערפון. — ער האָט געענדערט דעם שמועס. — האָט איר אויך געשטימט אין די וואַלן?

— אַוודאי געשטימט — האָט איינער אַרויפגערוקט דעם קויטיקן דאַשעק העט הויך איבער דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שוואַרץ פּעקעלע מיט שערסקן טאַבאַק און אַלע האָבן פאַררויכערט.

— „אָ רעוואָואַר" — האָט וואָלטער געזאָגט אויף פראַנצויזיש און צוגעגעבן — שלום!

— „אַסטאַ לאַ וויסטאַ" — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן אויף שפּאַניש.

וואָלטער איז געווען געוואַלדיק באַגייסטערט פון דער באַגעגעניש, גלייך עס וואָלט דאָ מי יודע וואָס פאָרגעקומען. שפּאַניע פון 1936 האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון נאַאיווע און גלויביקע און... קינסטלער. זי האָט געשפּילט מיט לויטערע פאַרבן דער וועלט אין פּנים אַריין: נאַ זע, ס׳איז מעגלעך, אויף אַ פרידלעכן אופן, אַן רעוואָלוציעס...

נאָר די וועלט, זי האָט עס ניט געקאָנט באַנעמען, ניט געוואָלט באַנעמען.

* * *

וואָלטער איז איצט געפאָרן מיט אַ דרינגענדער מיסיע קיין פראַנקרייך.

— מיר זיינען שכנים — האָט מען אים אָנגעזאָגט — אונדזער גורל איז געקניפּט און געבונדן מיט אייערן. וואָס מוסאָליני טוט היינט צו אונדז, וועט היטלער מאָרגן טאָן צו אייך. העלפט אונדז ביישטיין.

שוין העט־העט, ביי דער גרעניץ האָט אים אָנגעיאָגט אַ קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין דער רעכטער זייט פון בויך. אָפּגעראַטעוועט, פאַרבאַנדאַזשירט, האָט מען אים ביינאַכט אַריבערגעפירט די פּירענעען און אַרויפגעזעצט אויף דער באַן.

אַנדרעי איז צוגעפאַלן ווי אַ געטריי הינטל און האָט אים אָפּגעלעקט די וואונד. ווער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז פאַרוואונדעט? קיינער ניט. זי האָט עס געפילט, זי האָט עס געוואוסט נאָך איידער ער איז אָנגעקומען.

אַנדרעי איז געווען וואָלטערס מיידל, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין געהיים, כדי זיינע פריינט זאָלן ניט טייטלען אויף אים מיט די פינגער:

„זע נאָר, וועלוועלע גנב, דער זיידענער יונגערמאַנטשיק; אַנדערש פּאַסט אים ניט נאָר אַ פראַנצויזקע. אַ כבוד פאַר זיין טאַטן."

„אַרויסצוגיין" מיט אַ פראַנצויזקע איז צווישן די יונגעלייט אויף דער עמיגראַציע געווען אָנגענומען. יאָ, ס׳איז אפילו געווען אַ שטיקעלע כבוד. אַ סימן

אַז מען האָט זיך אַקלימאַטיזירט אין פראַנקרייך. אָבער, ווען מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית האָט זיך יעדער פונדעסטוועגן אָפּגעזוכט זיינס גלייכן.

געווען יונגעלייט, וואָס זיינען יאָרנלאַנג אַרומגעגאַנגען מיט פראַנצויזישע מיידלעך און צום סוף חתונה געהאַט מיט אייגענע און אָנגעהויבן פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן. — און וואָס איז מיט וועלוועלע פּייוויש לייב׳ס דעם צדיקל?

אַנדרעי איז געווען אַ מאָדנע געשטעל: שמאָל און גלייך ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, מיט דער מינדסטער אָנדייטונג אויף ווייבלעכקייט. אַ קאָפּ כוואַליענדיקע ברוינע האָר, בלויע מאַנדל־אויגן און אַ רונד פּנימל מיט אַ שפּיציק גאָמבעלע. און ווען זי האָט עמיצן אָנגעקוקט, האָט זיך אויסגעוויזן ווי זי האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער. וואָלטער האָט זי קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט ווי זיין פרוי, נאָר ווי „מיין מיידל." זי האָט אפילו ווי קיין מיידל אויך ניט אויסגעזען, נאָר ווי אַ יינגל, אַ נישט־דערוואַקסן יינגל. און דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַך וואָס מענטשן האָבן זיך אַזוי שטאַרק געחידושט: „וואָס זעט ער אין איר?"

באַקענט האָבן זיי זיך אויף אַ העכסט אומראָמאַנטישן אופן.

וועלוול איז, מיטן וויסן פון זיין מאַמען, אַנטלאָפן פון דער היים ; געלאָפן איז ער אין דער גרויסער שטאָט אַריין זוכן אַ קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער קאָן זינגען, און ניט אַזוי זינגען, ווי שפּילן.

אַז ער האָט טאַלאַנט, דאָס האָט ער זיך נאָך דערוואוסט אַלס יינגל פון ניין יאָר, בעת די גאַנצע משפחה איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פון די קאָזאַקן און בזכות פונעם זיידן, דעם זשאַדעווער רב, אָנגעקומען קיין ווין.

וועלוול האָט מיט זיין קליין, זילבערן קולכל געזונגען ביי אַ חזן. דער חזן האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן: — ט־ט־ט, אַ קאַנאַריקל — האָט דער הויכער חזן געשפּאַנט איבערן פּאַרקעט און זיך געקוויקט בעת וועלוול האָט פאַרצויגן אַ ניגונדל. — ביי „אַנשטענדיקע לייטע" וואָלט אַזאַ יינגל געוואַקסן אַ לייט. בשעתו האָט ער אים געשיקט אַ גאַנג און אים צוגעלערנט אויף דער פּיאַנאָ.

די חזנטע האָט געקוקט אויף דעם פלייסיקן יינגל מיט קנאה. אירע צוויי בנים, עלטערע פון אים, דאַרף מען צווינגען און דאָס זיצט אָפּ שעהן ביי דער פּיאַנאָ און שפּילט גלאַט אַזוי, לשמה. פונדעסטוועגן האָט זי אים אונטערגערוקט אַ פליגל פון דער אויסגעברוינטער גאַנדז און אַריינגעשמיכלט אין איר שיינעם גוידער, בעת דאָס הונגעריקע יינגל האָט אָפּגעלעקט יעדעס ביינדעלע.

ער אזוי איר פאַרלאָפן דעם וועג, אונטערגעטראָגן דאָס קאָשיקל בעת זי איז געגאַנגען איינקויפן; אויפגעהויבן דאָס נאָזטיכל ווען זי האָט עס אַראָפּגעלאָזט. איר איז געפעלן זיין הכנעהדיקייט און זי האָט ניט געקאַרגט קיין שטיקל ברויט פאַר זיינעטוועגן. איין קליניקייט, ברויט! אין מלחמה־וויך, ברויט...

שפּעטער, ווען דער חזן האָט דערגרייכט זיין ציל, ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ טעמפּל (ביז איצט האָט ער געדאַוונט אין אַ שול) האָט ער מיט זיך מיטגענומען זיינע 3 בעסטע משוררים: זיינע אייגענע צוויי יינגלעך און וועלוולען. ער האָט זיי אָנגעטאָן ווייסע קאַפּעלעך און שיינע טליתימלעך, און וועלוול, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט פון די צוויי הויכע בנים, האָט אַרויסגעטרילערט טאַקע ווי אַ קאַנאַריקל. דער חזן האָט אים משנה געווען מיט אַ נייעם נאָמען: ער האָט שוין איצט ניט געהייסן וועלוול פּייוויש לייבס — נאָר וואָלטער ראָש.



מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך די משפחה אומגעקערט צוריק אַהיים און ס׳איז געוואָרן אויס וואָלטער און צוריק וועלוול.

וועלוולען האָט אָבער געצויגן צוריק קיין ווין. נאָר ער איז שוין איצט געווען אַ בירגער פון גאָר אַן אַנדער לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך—רומעניע.

אַ בחורל, וואָס דערנענטערט זיך צו דער צייט ווען ער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו, קריגט ניט קיין פּאַספּאָרט אַרויסצופאָרן פון לאַנד, העכסטנס, פאַר מי יודע וויפיל געלט. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. געשוואַרצט די גרעניץ, זיך געוואַלגערט אַ לאַנגע צייט אין עמיגראַנטישע האָטעלן און אָנגעקומען איז ער נישט קיין ווין, נאָר קיין פּאַריז.

* * *

וועלוול האָט געמעגט וויסן, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס פּרעטענדירט אויף וועלכער עס איז קונסט, באַזעצט זיך ניט אויפן „בעלוויל" נאָר אויפן „מאָנמאַרט." נאָר פון וואַנען האָט ער עס געזאָלט וויסן? ער קומט דאָך פאָרט פון קליינעם שטעטל, אויסגעבענקט און אַדורכגענומען מיט די שענסטע אידעאַלן פון זיין דור — פאַר אַ באַנייט לעבן, פאַר פרייהייט, פאַר יושר—ווי אַ מאַגנעט האָט עס אים געצויגן צו זיינס גלייכן. ער האָט גלייך דערשמעקט וואו דער יידישער קוואַרטאַל געפינט זיך און האָט געדונגען אַ „דירה".

וועלוול האָט אַריינגעגעבן אַ קליינעם נאָטיץ אין אַ לאָקאַל צייטונגל, אַז ער גיט לעקציעס אויף פּיאַנאָ און פידל בחצי חנם, און האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פונעם נאָענטן מוזיק געשעפט, וואו ער פלעגט אַמאָל אַריינקומען עפּעס קויפן.

* * *

אַנדרעי האָט געאַרבעט אין דעם מוזיק־געשעפט אַלס פאַרקויפערין. וואָלטער האָט זי אפילו קיינמאָל ניט באַמערקט. ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז דער צעשויבערער יונג גיט לעקציעס, איז זי אַרויפגעגאַנגען אויפן פינפטן שטאָק פון האָטעל „פּראַדיע" זוכן זיין „סטודיאָ".

זי איז געווען שאָקירט פון דעם געשטאַנק וואָס ס׳האָט זיך געפילט פון די אָפּטריטן. דערקעגן איז זי ניט געווען אין מינדסטן מאָס איבערראַשט פון דער נאַקעטער אָרעמקייט, וואָס זי האָט געטראָפן אין זיין „סטודיאָ".

וואָס פאַר אַ נייעס איז אין פּאַריז אָרעמקייט צווישן יונגע קינסטלער? דאָס איז דאָך „סטאַנדאַרד", לעבנסשטייגער...

אַ קליין צימערל אונטער אַ געבויגענעם דאַך, ביי דער איינציק גלייכער, הויכער וואַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרץ־גלאַנציקע פּיאַנאָ. ביי דער־זעלבער וואַנט אַרויפצו אין ווינקל — אַ שמאָל, אייזערן בעטל אויף וועלכע ס׳איז געלעגן איינגענעסט די פידל, דער סמיטשיק — דערנעבן. אָנגעוואָרפן אויפן דיל זיינען געווען אַנדערע אינסטרומענטן ביים אָפּהאַנג פונעם געבויגענעם סופיט איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ טישל אויף דריי פיסלעך, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ באַרג מיט פּאַפּירן און ביי די זייטן אַ דיך, לאַנג ברויטל, אין אַ טעלער— פּעטע, גלאַנציקע זיתים.

אין מיטן שטוב אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ברענענדיקער פּרימוס אויף וועלכן ס׳האָט זיך געקאָכט אַן... איי. בעת וועלוול האָט פאַרהאַנדלט מיט איר וועגן די לעקציעס, איז דאָס וואַסער פון טעפּל איבערגעלאָפן און ביידע האָבן זיך

אינסטינקטיוו אַ לאָז געטאָן אַרונטערצודרייען דאָס פּלעמל. דערווייל האָט דאָס איי געפּלאַצט און האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך צוויי קישקעלעך — איינס אַ געלס און איינס אַ ווייס. דאָס איבערגעלאָפּענע וואַסער האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער און דער פּרימוס האָט זיך געראויכערט.

וועלוול האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן. נאָר אויף דעם דאַרף מען דאָך קענען פראַנצויזיש. האָט ער הילפלאָז צענומען די הענט און האָט איר אָנגעוויזן אויף דער פּיאַנאָ און אויף דער פידל און געפרעגט אויף שטום־לשון, וואָס זי וויל לערנען.

זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען, געמיינט ביי אים פרעגן אַן עצה; זי האָט אָבער זיין לשון אויך ניט געקענט...

אַנדרעי האָט שוין געשפּילט אויף פּיאַנאָ איבער אַ האַלבע שעה און ער זיצט און קוקט און שווייגט. אים איז פאַמעלעך קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אַ סך אַ בעסערע טעכניק פון אים. וואָס־זשע טוט מען איצט? קאָמפּראָמענטירן קאָן מען זיך ניט. אויב אַזוי וועט ער זי מוזן לערנען פידל.

ווען ס'האָט זיך נאָכאַמאָל געמאַכט אַז אַנדרעי איז געקומען און האָט גע־טראָפן עפּעס קאָכן אויפן פּרימוס, האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט שפּילן, ווייל זי האָט מיט איין אויג געהיט אַז דאָס טעפּל זאָל ניט איבערלויפן...

איינמאָל איז זי געקומען און געבראַכט אַ געטאָקט קעסטעלע, ער זאָל האָבן אין וואָס צו האַלטן זיין פידל. „מסיו לאַ פּאָרטע“, איר באַלעבאָס, האָט עס שוין געהאַלטן ביים אַרויסוואַרפן, האָט זי געזאָגט און געשמייכלט אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, אַז וועלוול האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז זי זעט גאָרנישט אויס ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ ייִנגל. מאָדנע, ווי די פראַנצויזן זיינען עפּעס...

זי פלעגט געוויינלעך קומען פרי נעמען איר לעקציע איידער זי איז אַריינ־געגאַנגען אין געשעפט אַרבעטן. זי האָט געהאַלטן, ווי אַלע פאַריזער האַלטן, אַז די פרימאָרגנס זיינען זייער גינציק פאַר קינסטלערישער אַרבעט.

איינמאָל האָט ער זי צוגערופן צום פענצטער, וואָס איז געווען אַריינגעשניטן אין דער געבויגענער וואַנט און האָט געזאָגט: — דו זעסט — ער האָט געוואָלט זאָגן — פאַרוואָס איך וואוין דאָ אונטערן שפּיץ דאַך? — נאָר זי האָט אַ לייכטן דריק געטאָן זיין האַנט ער זאָל שווייגן. פאַרן אויג האָט אַ שפּיל געטאָן אַ ים מיט שימערירנדיקע דעכער, ווי אַן אַבסטראַקט בילד. — שפּיצן, קופּאָלן, קוואַדראַטן, מעטשעטן. דער אייפל־טורעם איז געווען איינגעדעקט ביז אין דער העלפט מיט ווייטער וואַטע. פון אונטערן מאַנמאַרט האָט זיך פאַמעלעכן אַפּיר־גערוקט די זון האָט אויפגעהויבן דעם נעפּל, ווי אַ זילבערנעם פאָרהאַנג. זי, די פאַריזעריך, האָט געגאַפט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף איר הענטל. זי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן און האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע בלויע מאַנדל־אויגן. וואָלטער איז געוואָרן אויסער זיך: אַזעלכע אויגן, און ער האָט גאָר קיינמאָל פריער ניט באַמערקט...

אָט־דער מאָמענט האָט פאַרזיגלט זייער באַקאַנטשאַפט אויף אייביק.

זינט דעמאָלט זיינען שוין אַריבער צען יאָר. זיי זיינען ביידע געגאַנגען און צוזאַמען געענדיקט די פאַריזער קאָנסערוואַטאָריע: ער אויף קאָמפּאָזיציע און זי אויף פּיאַנאָ.



יצחק ניומאַן

# דער ספר בן־סירא

בן־סירא איז דאָס עלטסטע און איינציקע ווערק פון די אַפּאָקריפן, וואָס שפּיגלט אָפּ פאַקטן און דאַטעס פון דער פעריאָדע צווישן עזרא נחמיה און די חשמונאים עפּאָכע, די ערשטע צוויי הונדערט יאָר פון בית שני. דער נאָמען פון מחבר ווערט אָנגעגעבן פאַר: יהושע בן־סירא, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָרן 199-226 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג. ער האָט געווירקט אין איין צייט מיט דעם כהן־גדול שמעון הצדיק, דער לעצטער פון די אַנשי כנסת הגדולה. ער ווידמעט אים אַ גאַנצן קאַפּיטל.

וועגן זיך זאָגט ער: „ער איז אַ סופר, אַ לערער, אַ גייסטיקער פירער פון ירושלים... ער איז געווען באַהאַוונט אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער גרויסער וועלט, וואָס ער האָט באַרייזט און אָנגעזאַמלט לעבנס־חכמה, אַקסיאָמאַטישע רייד פון מוסר, גוטע מידות און עצות טובות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, פאַר אַחריותן און התחייבותן צו דער קהילה און צו גוטע השגות בכלל..“

זיינע פּאָעמעס זיינען פול מיט סימפּאַטיע צו אָרעמע און אונטערדריקטע. ער איז פול מיט ליבע פאַר לערנען און פאַר וויסן; האָט פיינט עמי־הארצים. ער פאַרגלייכט חכמים מיט נביאים און סופרים. ער זעט חכמה אין דער נאַטור, וואָס ער רופט גאָטס מייסטערווערק, ווייל אַלעס וואָס גאָט האָט באַשאַפן איז צום גוטן: „מעשי אל כולם טובים, אש וברד רע ודבר, כל אלה לצרכם נבראו“ (אַלע מעשים וואָס גאָט טוט, פייער האָגל און אומגליק, איז אויך נוצלעך און גוט.— מא־מב). לויט בן־סירא איז דאָס ייִדישע דענקען פון די כהנים און נביאים אַריבער צו די סופרים און פון זיי צו די פרושים און שפּעטער צו די תנאים, און די לערנערס האָבן פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון נבואה, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעהערט.

* * *

יהושע בן־סירא איז געווען אַ חריף דענקער, לערער און פילאָזאָף, אויך אַ שטרענג פרומער ייִד, און ווען ער רעדט פון חכמה, מיינט ער די געזעצן פון תורה, שיינע מידות, העכערע עטישע ווערטן, וואָס איז אַנדערש פון די אומות העולם. חכמה הייסט ביי זיי „סאָפיאַ“ און איז פאַרבונדן מיט אויסערלעכער קונסט, מאַנסבילשער גבורה, ווייבערשע פּרוכטבאַרקייט. עס קוקט אפילו אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס בן־סירא'ס געדאַנקען־גאַנג וועגן ייִדישקייט מיט וועלטלעכקייט, ווי אַזוי ער מאַטערט זיך צו באַווייזן און פאַרענטפערן ייִדישע פּראָבלעמען מיט פּראַגמאַטישע און עמפּירישע השגות, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון ייִדנטום און די נביאים, וואָס ביי זיי איז די טענדענץ געווען אַבסטראַקט, אידעאַליסטיש, הבט־השמימה־בליק, און דע עיקר מצוות פון בין אדם למקום, בעת בן־סירא לייגט דעם טראָפּ אויף בין אדם לחברו. ער זאָגט: „זיי אַ פאָטער צו יתומים, העלף די אַלמנה, קער ניט אָפּ דיינע אויגן פון אָרימאַן.“

אין שייכות מיט זיין דורשט נאָך חכמה זאָגט ער: „צו דערווערבן חכמה איז נייטיק צו זיין פריי פון זאָרג און פרנסה.“ אויך די גריכן האָבן געהאַלטן, אַז באַרבאַרן און שקלאַפן זאָלן טאָן אַלע מלאכות, אַלע דינסטן פאַר די חכמים. פאַרקערט — ייִדישע חכמים האָבן דווקא יאָ געהאַלטן פון מלאכה, און האָבן אַליין

גוטאָן כלערליי אַרבעט, און זיך באַצויגן מיט כבוד צו אַרבעטער. „אהוב את המלאכה" זאָגט דער פּרק.

* * *

דאָס וואָס בן־סירא האָט פאַרמאָגט געמישטע געפילן און וואַקלדיקע אומ־באַלאַנסירטע געדאַנקען, האָט אַרויסגערופן גרויסע חלוקי דעות. דער קריסט־לעכער טעאָלאָג, דזש. פּוט מור, אין זיין בוך „דזשודאַאיזם" (ז. 40) זאָגט: בן־סירא איז אַ וויכטיקער בייטראָג און אַ ווענדפּונקט אין דער דישער געשיכטע. מען האָט אים הויך געשעצט און ציטירט, ווי מען האָט ציטירט דעם תנ"ך. פונדעסטוועגן איז זיין מיינונג, אַז בן־סירא איז געווען אונטער דער גריכישער השפּעה. טשאַרלס און אָסטערלי דענקען אויך אַזוי, אָבער ד"ר טשעריקאָווער אין זיין בוך: „היהודים והיוונים" זאָגט: „בן סירא איז געווען אַ פרומער ייד און זיין ערודיציע אין פרעמדע קולטורן האָבן אויף אים קיין השפּעה ניט געהאַט; פאַרקערט — ער האָט אפילו באַקעמפט פרעמדע געדאַנקען", און ער ציטירט פון קאַפּיטל 15: „זאָג ניט אַז גאָט האָט דיך פאַרפירט! ער וויל ניט קיין זינדיקע. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן און אים געלאָזן אויף זיין אייגענעם אַחריות. ווילסטו, קענסטו אים פאָלגן און זיין ערלעך, פאַר דיין אייגענעם גליק און וואויל־זיין. ער האָט דיך אַוועקגעשטעלט פייער און וואַסער. דו קענסט דיר אויסקלייבן וואָס די ווילסט. פריי זיך ניט מיט די פאַרגעניגנס פון די גאָטלאָזע, זיי וועלן ניט אַוועק אין קבר ביז זיי וועלן באַשטראָפט ווערן. נאָר די וואָס לעבן קאָנען לויבן גאָט, נאָכן טויט קען מען ניט דאַנקען"...

אויך זעען מיר ווי דער מחבר, יהושע בן־סירא, ראַנגלט זיך מיט דעם שווערן פּראָבלעם פון „שכר ועונש", גאָט'ס צאָלונג אַ שכר פאַר גוטער האַנדלונג און אַ שטראָף פאַר שלעכטער האַנדלונג. איז אַ פראַגע, אויב גאָט קאָן זיך שאַפן מיט דער נאַטור, האָט ער אויך געקאָנט געבן די מענטשן די אייגנשאַפטן צו טאָן בלויז גוטעס. און וואָס איז דער מענטש שולדיק? פאַרוואָס קומט אים שטראָף? ער האָט זיך דען געקענט העלפן? איז דער מענטשווירקלעך פריי צו טאָן וואָס ער וויל? דאָס איז דאָך אַ סתירה!... און פאַרוואָס זאָל דער מענטש ניט זינדיקן אַזוי לאַנג ווי עס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן?...

פון זיינע רייד קומט אויס, אַז שטראָף און באַלוינונג איז נאָר אויף ד ע ר וועלט. סטייטש! האָט אַזאַ פרומער ייד, אַזוי שפּעט אין דער געשיכטע, ניט גע־וואוסט פון „עולם הבא" און „תחית המתים"?! מחמת ער זאָגט: „נאָכ'ן טויט קאָן מען ניט לויבן גאָט; נאָר דער וואָס לעבט און איז געזונט לויבט גאָט."

מעגלעך, זאָגן פיל פאָרשער, אַז ער האָט יאָ געוואוסט אַז אַ טייל יידישע פירער האַלטן פון תחית המתים און עולם הבא, נאָר ער אַליין האָט באַלאַנגט צו די צדוקים, וועלכע האָבן פון דעם ניש גהאַלטן.

* * *

די צדוקים, ווי קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן, האָבן זיך געהאַלטן געטריי צום טעקסט פון דער תורה, און היות ווי אין דער תורה איז ניט דערמאָנט עולם הבא און תחית המתים, האָבן זיי אין דעם ניט געגלויבט. לויט זייערע טעאָריעס איז גאָר ניטאָ אַ נאָכן טויט און ניט קיין יענער וועלט; עס איז דאָ נאָר איין וועלט. די וועלט וואָס מיר לעבן, און ווען אַ מענטש שטאַרבט, שטאַרבט ער אויף אייביק...



און עס איז געווען, ווען בן־סירא'ס צייט־קאָלעגע און שמעון הצדיק'ס מיט־צייטלער, דער תנא אַנטיגנוס, צוויי תלמידים — צדוק און בייתות, האָבן אים געפרעגט: „עס שטייט אין דער תורה: גיב כבוד דיינע עלטערן וועסטו לאַנג לעבן, און אַזאַ איינער איז יונג געשטאָרבן, וואו איז זיין לאַנג לעבן? האָט דער תנא געענטפערט: זייט ניט ווי קנעכט וואָס באַדינען זייער האַר ווייל זיי ווילן קריגן אַ באַלוינונג, נאָר זייט ווי קנעכט וואָס באַדינען זייער האַר אויף ניִשט צו קריגן קיין באַלוינונג. (פּרקי אבות י'), און בר קפּרא זאָגט: „דער שכר פון מצוה ליגט אין טאָן די מצוה" (אבות דר' נתן). דאָ ווערט גאָרניט דערמאָנט פון אַ עולם הבא. די מפרשים ווילן דערקלערן מיט דעם, וואָס אין דעם איבערגאַנגס פּעריאָדע און די ענדערונגען וואָס זיינען דאמאָלס פאָרגעקומען איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן קיין באַשטימטע הנחות. די סופרים האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן איינפירן אין לעבן די נייע תקנות, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם יידנטום.

די סופרים, וואָס האָבן איבערגענומען די גייסטיקע שאַפונגען פון די כהנים און נביאים, האָבן געמאַכט די תורה פאַר דער קאָנסטיטוציע פון יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן, פון וויג ביז'ן קבר, און פאַר אַלע יידן, ניט בלויז פאַר די כהנים און לוויים אַליין, און פרומקייט און תורה לערנען האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער אָריענטאַציע פון יענער צייט, ווען קיין פּאָליטישע אינ־טערעסן זיינען ניט מעגלעך געווען אונטער דער פּערזישער הערשאַפט, און זיכער ניט אונטער דער גריכישער ממשלה. מיר זעען דאָס פון בן־סירא, ווי ער וואָרנט דער יוגנט: „האָט אמונה אין גאָט, ער האָט באַשאַפן די וועלט מיטן כוח פון וואָרט. מיר קענען ניט אַרויסברענגען זיין גאַנצע פּראַכט, ער איז גרעסער פון זיין באַשאַף. ער עקזיסטירט פון אייביק ביז אייביק. מען קאָן צו אים ניט צוגעבן און קיין זאַך ניט אַוועקנעמען." (קאַפּ. מ"ה).

און בכדי די יוגנט זאָל זיך אויסהיטן פון ספקות עצהט ער:

„זוך ניט קיין זאַך וואָס איז פון דיר פאַרבאָרגן,
„פאָרש ניט דאָס וואָס איז איבער דיינע כחות צו פאַרשטיין,
„טראַכט ניט דאָס וואָס דו קענסט ניט באַנעמען." (קאַפּ. מ"ג).

בכלל איז דער בן סירא אַ וויכטיק בוך פון אַלע אַספּעקטן; די מאָראַל־לערע איז אַן ערנסטע; די אמונה איז אַן אויסגעהאַלטענע. עס פאַרמאָגט ניט איוב'ס פּעסימיזם, ניט קוהלת' ציניזם, און קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אַנדערע ביבלישע ספרים. אפילו דער תלמוד ציטירט אים עטלעכע מאָל אין חגיגה י"ג און אין סנהדרין ק', וואו עס ווערט געבראַכט דער מאמר: „בגדול ממך אַל תדרוש, ואין לך עסק בנסתרות". אָבער דער תנא ר' עקיבא אין ירושלמי סנהדרין (פּרק חלק) זאָגט: „ווער עס לערנט דעם בן־סירא האָט ניט קיין חלק לעולם הבא, ווייל עס איז אַ ספר פון מינים." ווידער דער אמורא רבי יוסף, אין סנהדרין ק', זאָגט: „גוטע ווערטער פון בן סירא מעג מען יאָ שטודירן"...

פאַרוואָס דער בן־סירא איז פאַרמשפּט געוואָרן לגניזה און איז ניט אַריין אין די כתבי קודש, ווערט אָנגעגעבן פאַרשיידענע טעמים. ער האָט פאַרשוויגן וועגן גלויבן אין עולם הבא און תחית המתים. אויך דאָס וואָס ער גיט אָן זיין נאָמען אויף דעם ספר האָט ער דערמיט זיך אויך קיין טובה ניט געטאָן. ער האָט נאָר מיט דעם באַשטעטיקט, אַז דער ספר איז ניט געשריבן מיט רוח הקודש, און

גאָלדע שלאָסבערג דראָזד

# די האַנט האָט ניט אויסגעהיט

(דערציילונג)

עטעלע האָט אין וואַגאָן פון באַן קוים זיך דערוואַרט, אַז דער קאָנדוקטאָר זאָל שוין הייסן די באַגלייטער אַרויסגיין. איר איז געווען זייער שווער דאָס שפּילן די ראָלע פאַר אירע קרובים און פריינט אַלס די „שטאַרקע"... זי פאָרט דאָך איצט צו דזשעריס עלטערן, צו זיין מיט זיי און טיילן מיט זיי דעם גרויסן צער פון די טרויעריקע נייעס וואָס איז צו איר געבראַכט געוואָרן פון דעם „סטייט דעפּאַרטמענט"... אַז איר מאַן דזשערי איז אומגעקומען פליענדיק איבער דייטשלאַנד.

אָט־די פּלוצלונגע טרויעריקע בשורה האָט איר לעבן אינגאַנצן צעטרייסלט און אַ שרעקלעכע פּוסטקייט האָט זיך אַריינגעקליבן צו איר אין האַרצן... זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן איר לעבן אָן איר דזשערין...

ווען עטעלע איז געבליבן מיט זיך אַליין, האָט זי אַ שטאַרק צעוויטיקדיקע און מידע זיך וואַקלדיק אַנידערגעזעצט אויף איר אָרט, אין באַן, און האָט איר שיינעם בלאָנד־געקרויזטן, געשוירענעם קאָפּ האַר פאַרוואָרפן אויפן אָנשפּאַר פון באַנק און האָט געלאָזט איר יונגן, דריי־און־צוואַנציק יאָריקן גוף אָפּרוען. זי האָט געקלערט, אפשר וועט איר איצט ווערן אַביסל קלערער, און לייכטער דעם גרויסן צער איבערטראָגן, וואָס האָט אַזוי פּלוצלינג איר יונג לעבן אַרומגענומען.

דאָ, מיט זיך אַליין, אָן די בליקן פון די נאָענטע, האָט זי זיך פריי געקאָנט אָפּגעבן מיט אירע געדאַנקען און געפילן.

זינט איר דזשערי איז אין דער אַרמיי אַוועק האָט זיך עטעלע אַריינגעקליבן צו אירע עלטערן. אָבער איצט, דאָס שטענדיקע באַגעגעניש מיט זייערע צערפולע בליקן, צוליב די טרויעריקע נייעס אַז דזשערי איז טויט — איז דאָס זיין מיט זיי געוואָרן פאַר איר גרויזאַם שווער.

---

רוח הקודש איז ניט געווען דאמאָלס מער גילטיק. אויך זיין פּאָסטולאַט פון קאָמבינירן וועלטלעכקייט מיט יידישקייט איז געווען ווי שעטנז, ווייל קיין מיטלוועג לאָזונג איז ניט געווען פּאָפּולער אין יענער צייט.

עס האָבן זיך דאמאָלס געהאַלטן אין פאָרמירן צוויי שאַרפע עקסטרימע ביינגונגען: פון איין זייט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קנאים פון די דאָרפישע אייגוואוינער, וועלכע האָבן געפּרעדיקט איזאָלאַציע, מיט דעם לאָזונג: „להיות עם סגולה" (אַ צויבער־פאָלק), און די צווייטע שטרעמונג, געשטיצט פון דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע, האָבן געפּרעדיקט אינטעגראַציע, מיט דעם לאָזונג: „נהיה ככל הגוים" (מיט פעלקער צוגלייך), און בן־סירא האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן שלום צווישןביידע לאָזונגען און דער פּשרה־פּלאַן האָט ניט נושא־חן געווען ביי די איינזאַמלער פון תנ"ך...

און פּונקט ווי קהלת, וואָס נאָך אַלע „הכל הבל"ס ענדיקט מיט די ווערטער: סוף דבר — דער סוף פון דער זאַך, האָב מורא פאַר גאָט, היט זיין געבאָט — אַזוי אויך יהושע בן־סירא, דער מאָראַל־פּרעדיקער און עפּיגאָן נאָך די נביאים, גיט צו קראַפט צו זיין שטאַנדפּונקט מיט די ווערטער: — תפילה איז די נשמה פון אמונה, פרומקייט איז דאָס האַרץ פון אמונה...



זי האָט געזוכט אויסבאַהאַלטן פון זיי איר ווייטאָג: דורך ריידן צו זיי און דערקלערן, אַז זי איז ניט בעסער פון טויזנטער אַנדערע וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע מענער; עס איז מלחמה!...

עטעלע האָט נאָך אַ ווײַלע ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך אויפגעזעצט און אָנגעשפּאַרט איר הייסן שטערן צום קאַלטן פענצטער פון וואַגאָן. זי האָט געוואָלט אָפּקילן אַביסל איר איצט צו־וואַרעמען קאָפּ. די באַן האָט זיך געטראָגן מיט אַ וויכערדיקער שנעלקייט; איר האָט זיך אָבער געדוכט אַז די באַן לויפט ניט שנעל גענוג; זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער זיין דאָרט צוזאַמען מיט זיין טאַטע־מאַמע, ווייל דאָרט, ביי זיי אין שטוב, האָט זי דאָך איבערגעלעבט, צוזאַמען מיט איר דזשערין, אירע ליכטיקע מאָמענטן... האָט זי געהאָפט, אַז זי וועט דאָרטן אפשר געפינען אַביסל רו פאַר אירע צעשרויפטע נערוון...

עטעלע האָט געזוכט זיך צו שטאַרקן; זי האָט געוואָלט געפינען אַן אָנהאַלט צו איר איצטיקן לעבן: פאָרט זי צו זיינע עלטערן; ס'איז דאָך זייער צער אויך. אירע אויגן זיינען געוואָרן פאַרלאָפן מיט טרערן...

זי האָט פון איר טאַש אַרויסגענומען אַ קליין פּאָטאָסטאַטיש בריוועלע: דאָס לעצטע בריוועלע וואָס דזשערי האָט צו איר געשריבן. זי לייענט עס (שוין צום וויפילטן מאָל) דאָט געשריבענע בריוול, וואו ער בעט זיך ביי איר, אַז זי זאָל זיך וועגן אים ניט זאָרגן... מחמת ער גיט גוט אַכטונג אויף זיך... עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען און זיי וועלן ווידער זיין צוזאַמען...

ער לאָזט איר וויסן, אַז אין לאָנדאָן איז זייער קאַלט און אַז דאָס וואַרעמע סוועדערל וואָס זי האָט אים געשיקט און וואָס זי האָט מיט אירע ליבע הענט אויסגעשטריקט, האַלט אים דאָס שטאַרק וואַרעם...

דערווייל האָט די באַן מיט אַ פּלוצלונגן שטאַרקן טרייסל זיך אָפּגעשטעלט און זי האָט מיט אירע, דורך טרערן פאַרלאָפענע אויגן, גלייך דערקענט דאָס מידבר־שטעטל. זי האָט האַסטיק פון איר אָרט זיך אַ הויב־געטאָן, האָט געוואָלט אַרויסלויפן, נאָר זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן. אַלע גלידער אין איר האָבן אַ ציטער געטאָן ווען זי האָט דערקענט דאָס שטעטעלע... דאָ איז זי דאָך ערשט ניט לאַנג צוריק געקומען צו דזשערין, ווען ער האָט זיינע עטלעכע טעג אורלויב באַקומען... מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ, מיט פרייד אין יעדן גליד, האָט זי אים דאַן געטראָפן וואַרטנדיק אין אַ קילן פרימאָרגן פאַר איר אָנקומען. זי איז דאַן געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט צו אים און איז געווען זייער מיד... נאָר אַרויסגייענדיק פון באַן, ווען זי האָט דערזען דזשערין, איז די מידקייט פאַרשוואונדן, און די קאַלטע פרימאָרגן־לופט האָט איר יונגן גוף פריש דערקוויקט.

— עטעלע, מיין טייערע, ווי גוט עס איז צו זען דיך דאָ! — האָט דער שטילער דזשערי אַריינגעשעפּטשעט איר אין אויער... און ווען די פרימאָרגן־לופט האָט אין אירע האָר זיך פאַרקליבן, מיט אַזאַ שמעקעדיקן אַראָמאַט, אַז ער האָט צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אירע זיידענע געקרויזלטע האָר און זי שטאַרק צוגעדרוקט צו זיך...

אַ ליכטיקע זוניקייט האָט זיך צעשפּילט איבערן פאַרשלאָפענעם מידבר־שטעטעלע. דזשערי האָט צוגערופן אַ טעקסי, געהייסן זיך פירן צום „בעסטן האָטעל". ערשט אין שפּעטן טאָג אַריין זיינען זיי, שטאַרק אויסגעהונגערטע, געגאַנגען עסן. זיי זיינען געווען אַזוי איינגעשלונגען איינס אין אַנדערן, אַז זיי

האָבן ניט געוואוסט וואָס זיי עסן...

דזשערי האָט דאַן מיט קיין איין וואָרט ניט געלאָזט עטעלען וויסן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום שיקט מען זיין אָפּטיילונג אַרויס צום פראָנט: ער האָט ניט געוואָלט פאַרשטערן זייערע לעצטע וואונדערלעכע מינוטן צוזאַמען...

בנאַטור אַ שטילער, אַ ווייניק רעדנדיקער, האָט ער זיין ליבע צו עטעלען אַלע מאָל אויסגעדריקט דורך עפּעס אַ שיינעם טאַט. ער איז אויך קיינמאָל ניט געקומען צו איר מיט ליידיקע הענט...

אין יענע עטלעכע גליקלעכע טעג, וואָס זיי זיינען געווען צוזאַמען, זיינען זיי ביידע, האַנט־אין־האַנט געשלאָסן, ווי גליקלעכע קינדער אַרומגעלאָפן, פון איין פאַרוויילונגס אָרט צום צווייטן. אַלץ האָט ער געוואָלט פאַר איר קויפן, אַלץ איר געבן; זי האָט געפילט ווען ער קאָן, ברענגט ער איר „דאָס טעלערל פון הימל“... אָט דער דזשערי אירער!

דעם לעצטן טאָג פון זייער זיין צוזאַמען האָט ער מיט אַ ציטער, שטיל געלאָזט וויסן, אַז „דערווייל“ איז עס זייער לעצטער צוזאַמען־זיין, אָבער, ער האָט איר „פאַרזיכערט“, אַז אַ חוץ זיין שטאַרקע ליבע וואָס ער פילט צו איר, פילט ער אין זיך אויך אַ זייער שטאַרקן פאַרלאַנג צו „פליען“ איבער דייטשלאַנד און העלפן אויסראָטן דעם נאַציזם“ און, אַז דאָס איז איצט זיין הויפּט־ציל אין זיין לעבן.

— דו ווייסט, מיין טייערע — האָט דזשערי צו איר געזאָגט — ווען אַ פייער כאַפּט אַרום אַ וועלט קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. מען מוז העלפן לעשן, כדי מ׳זאָל אַליין ניט ווערן פאַרברענט...

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער ווידער גערעדט צו איר:

— ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער „לינקאָלן בריגאַדע“ צו העלפן אין דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, זיינען מיינע עלטערן געווען שטאַרק געגן. אָבער איך האָב דאַן ניט געקענט רוען; עפּעס האָט דאַן פון מיין בלוט אַרויסגעשריען אַז דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז דער אָנהויב פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך איבער דער וועלט און במילא אויף אונדז יידן. צוויי יאָר האָב איך דאַן מיט זיי געקעמפט און בין אַרויס אומבאַשעדיקט. האָף איך אַז אויך איצט וועט גאָט מיך אויסהיטן. איצט וועט דער פייער מוזן פאַרניכטן די צינדער! . . .

פון זיינע צעצונדענע אויגן האָבן אויף איר איצט פונקען געשפּריצט... זי האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו אים און געהערט דאָס שנעל קלאַפּן פון זיין האַרץ... זי האָט אים אַרומגענומען און האָט צו אים שטיל געזאָגט: „איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר... אומעטום, וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען“. . .

עטעלע האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז דער טאָג זאָל זיך אומענדלעך ציען... און זי זאָל אומגעשטערט זיין מיט דזשערין. עטעלען איז געקומען אויפן געדאַנק אירע חברטעס: זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי פלעגן זיך מיט איר רייצן און שפּאַסן, אַז זי, אַזאַ שיינע, געראָטענע מיידל האָט זיך פאַרליבט אין דעם קליינעם דזשערי, ווייל ער איז געווען אין שפּאַנישן בירגער־קריג. „הירא וואָרשיפּער“ פלעגן זיי איר רופן.

ווען זי האָט מיט אים צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט, איז דזשערי דאַן געקומען מיט אַ רעשטל לעבן־געבליבענע קעמפער פון דער לינקאָלן בריגאַדע, האָט ער זי ווי מיט אַ מאַגנעט צוגעצויגן צו זיך. כאָטש זי האָט אַליין ניט געוואוסט



דאַן, פאַרוואָס אָט־דער שטילער, קליין־געוויקסיקער און זייער ווייניק רעדעוודיקער דזשערי האָט געמאַכט אויף איר אַזאַ פיינעם איינדרוק? עטעלע איז אויך געווען אַ ווייניק רעדעוודיקע, האָט זי דאָך געדאַרפט זיך צוציען צו אַ בחור וואָס איז אַ רעדנער? וואָרעם זי האָט אַלע מאָל אַרויפגעקוקט צו די וועלכע האָבן געקאָנט שיין רעדן... אַפּנים אַז דאָס לעבן האָט איר אייגענעם וועג און חשבון...

דזשערי האָט עטעלען אַ נייע וועלט פאַר איר געעפנט. מיט פאַרכאַפּנדיקן אָטעם פלעגט זי הערן דזשערין דערציילן פון שפּאַנישן בירגער־קריג, ווי אַזוי ער און די אַנדערע פלעגן אויפן בויך קריכן און צעשניידן דעם שונאס קאָמוניקאַציע ליניעס.

אַליין אַ שעמעוודיקע, האָט זי ניט געוואָלט אַרויסווייזן אירע געפילן, פלעגט זי באַהאַלטן פון אים אירע טרערן, וואָס זיינען געגן איר ווילן, גערונען פון אירע אויגן, בעת ער פלעגט איר דערציילן פון יענער צייט.

שפּעטער, ווווען דזשערי איז אַריין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אַלס „באָמבאַדירער“ איז עטעלע אים נאָכגעפאָרן פון איין קעמפּ צום צווייטן. דער שלאַכטפעלד האָט נאָך דאַן אויסגעזען אַזוי ווייט, ווייט, ביז זיי האָבן זיך אין איין טאָג צוזעגנט צום לעצטן מאָל אויף דער סטאַנציע פון יענעם מדבר־שטעטל...

שווייגנדיק האַנט־אין־האַנט געשלאָסן האָבן זיי ביידע שפּאַצירט ביז דער קאָנדוקטאָר האָט ראַשיק אַ געשריי געטאָן: „אָל אַבאָארד, אָל אַבאָארד“! די באַן האָט גענומען זיך רירן. ביי די לעצטע מינוטן האָבן זייערע אויגן אַ בלאָנדזשע געטאָן איינער אויפן צווייטן... האָבן זיך צוגעדריקט, צעקושט זיך, און נאָכאַמאָל אַ בלאָנדזשע געטאָן מיט די אויגן איינער אויפן צווייטן, און דעם גאַנצן אַרום, און זייערע בליקן אַריינגענומען, און אויף גיך אַריינגעכאַפּט זיך אין דער שוין רירנדיקער באַן.

כאָטש פון סטייט דעפּאַרטמענט האָט מען עטעלען שוין איין מאָל געלאָזט וויסן, אַז איר מאַן „איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין שלאַכט“, האָט זיך עס אָבער דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז געווען אַ טעות; ווייל זי האָט דערהאַלטן פון דזשערין אַ בריוו אַז ער לעבט, נאָר ער איז „אינטערנירט“; אַז ער וואָלט בעסער וועלן זיין מיט די „פליער“ און אַז ער וועט אָנווענדן אַלע מעגלעכקייטן מ׳זאָל אים העלפן צוריק קומען נאָך ענגלאַנד.

עטעלע האָט גוט געקענט דזשעריס נאַטור און דערפאַר האָט זי זיך געשראָקן. זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט געפינען אַ וועג אויסצופירן זיין וואונש און, ער האָט עס געפונען אויך... זי האָט גענומען „גלויבן“ אַז עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט וועט היטן איר דזשערין... אָבער דאָס מאָל האָט עס אים ניט אויסגעהיט...

דער פאַרנאַכטיקער דרויסן איז געשטאַנען אַ שטיל שווייגנדיקער. דער מדבר האָט געברענט מיט אַ שטאַרקער היץ. עטעלע האָט איינגעגראָבן אירע פייכטע אויגן איבערן ציענדיקן מדבר. זי האָט צוריק אָנגעשפּאַרט איר מידן קאָפּ אויפן אָנשפּאַר פון זיץ־פּלאַץ. אין אירע אויגן האָט זי איינגעשלאָסן איר בענקשאַפט.. איר יונג עלאַסטישער, מיט צער אַרומגענומענעם גוף, אויסגעצויגן, האָט זי מיט איר געהער אויפגענומען דאָס אומעטיקע פייפן פון דעם סאָפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט זיך שווער געצויגן באַרג אַרויף, מיט אַ ריטמישן קלאַנג פון די קלאַפּנדיקע רעדער אויף די רעלסן„טעקאַ־טעק“. און געדוכט האָט זיך איר, אַז זי הערט אין זיי, ווי עס רופט עמיצער: — עטעלע... ע־טע־לע, ע־טע...

משה צוקער

# אידעאַל און פּראַקטיק

(עסיי)

אין דער העכערער וועלט טרעפט זייער אָפט, אַז מען קאָן ניט וויסן וואו עס ענדיקט זיך די פּראַקטיק און ווען עס פאַנגט זיך געוויינטלעך אָן דער אידעאַל, און אַזוי קאָן דאָס זעלבע פּאַסירן גראַדע פאַרקערט.

יעדער מענטש מיט פּראַקטישע „פּלענער" און אַמביציעס אין לעבן האָט צייטן, ווען ער אַליין ווערט אויך היבשלעך אינספּירירט פון אַ שטיקל אידעאַל — און דער בשר־ודם, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט העכערע אידעאַלן, מאָדעלירט און באַגרינדעט זיי מיט פּראַקטישע אויספירונגען.

דער גוף, אין אַזאַ פאַל, איז דער פּראַקטישער סובסטאַנץ, ווען עס ציט צו ערדישקייט און דער מוח איז ביי אים, ווי אַ פליענדיקער „מיסל", וואָס זוכט עפּעס אין די רוימען פון קאָסמאָס, געוויינטלעך, צו אַנטדעקן נייע האָריזאָנטן. יעדערער לויט זיין אַנטוויקלונג און אומשטענדן שטרעבט צו עפּעס העכערס ווי די קעגנווערטיקע דערגרייכונגען און מען מישט צוזאַמען די „פּראַקטישע פּלענער" מיט זאַכן וואָס דערהויבן אים גאָר גייסטיק.

אין אַלע צייטן האָבן מיר געהאַט פאַרשידענע מינים: דער אידעאַלער דענקער, וועלכער האָט אַלץ פאַרבונדן מיט העכערע באַגריפן, און וואָס איז געווען דער, וועלכער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, פון וועמעס קוואַלן מיר שעפּן נאָך ביז היינט, און פון די פּראַקטישע, וועלכע האָבן געשאַפן אויף זייערע וועגן (לשמי־ולשמה) פון וועלכע מיר קאָנען זיך אינגאַנצן ניט אָפּזאָגן. מיר דאַרפן דאָס ערשט הייליקן מיט אַן אידעאַלן צוגאַנג.

פּראַקטישקייט אַליין האָט אונדז נאָך ביז איצט ניט צופרידן געשטעלט; מיט אַלע דערגרייכונגען גייען אונדז נאָך די טרוימער מיט זייערע אידעאַלע חלומות...

שטופנווייז גייט יעדער מענטש דורך אַ פּראָצעס פון אַלערליי פּעריאָדן און עטאַפּן. מען קומט אויף דער וועלט פּרימיטיוו, אַזוי ווי אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. נאָר צוליב דער דערפאַרונג פון דורות און אונדזער ספּעציעלן מוח־אַפּאַראַט און מיט אונדזערע צוגעפּאַסטע גלידער — זיינען מיר אַן אייגנאַרטיקע בחינה אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ברואים, און דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס מיר קאָנען אונדזערע מעשים באַשיינען מיט העכערע געדאַנקען.

צוערשט זיינען מיר טאַקע אָנגעוויזן אויף די, וועלכע זיינען זיך מיט אונדז מתעסק: עלטערן, אָדער וועלכעס עס איז דערוואַקסענע פּערזאָן — און צוביסלעך ווערן מיר אַליין רייף זיך צו קאָנען העלפן. ס'איז אָבער אַן איינגעשטעלטער וועג, וואו יעדער איינער באַקומט מיט דער צייט זיין אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אינם לעבן. למשל: דער בראשית פון צוויי דערוואַקסענע און קעגנזייטלעכע געשלעכטער, וועלכע באַשטימען פאַר ביידן אַ צוזאַמענלעבן, איז פאַרבונדן, אַ חוץ דער נאַטירלעכער צוציאונגס־קראַפט — מיט פּראַקטישקייט און אידעאַל. יעדער איינער פון זיי ווערט באַזונדער באַווירקט פון אַ געוויסער פאָרשטעלונג וויאַזוי זייער לעבן וועט זיך שפּעטער געשטאַלטיקן. אָבער אין דער אומבאַשטימטקייט פירט זיך אַזוי, אַז די מענלעכע און ווייבלעכע פונקציעס צוטיילן זיך, ווי פון זיך אַליין, און עס ווידערהאָלט זיך דער שוין פון דורות איינגעשטעלטע אָרדענונג, טראָץ



אַלע רעבעלירנדיקע געדאַנקען, וואָס באַגלייטן יונגע, אומדערפאַרענע מענטשן אויף שריט און טריט. דער מאַן איז נאָך אַלץ, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס — נוטה און באַווירקט פון די אַזוי־גערופענע „לופט־שלעסער," און די פרוי ווערט אַריינגעצויגן אין דער פּראַקטיק. ביידנס באַזונדערע אַקטיוויטעטן שאַפן עס די ספּעציעלע אומשטענדן. די פרוי ווערט דער ממונה איבערן מאָגן, וואָס קאָן אים ניט איינשטילן מיט פאַנטאַסטישע „לופט־שלעסער." זי מוז אָנהאַלטן דעם באַלאַנס פאַר איר גופא און פאַר איר באַשערטן. די „עס־טעאָריע", וואָס איז אויבערפלעכלעך בלויז הוילע פּראַקטיק, ווערט אַ באַשטאַנד־טייל פון דער פרויס „טעריטאָריע"...

די פרוי איז אַלעמאָל געווען די פאַרזאָרגערין. ס'איז זייער מעגלעך, אַז די ביבלישע צוויי ווערטער: „אשת חיל", לויפט צום אורשפּרונג פון דער ערשטער פּרימיטיווער פרוי, וואָס האָט געזאָרגט און טאַקע באַזאָרגט איר פאַמיליע מיט די נויטיקסטע לעבנס־באַדערפענישן. דאָס האָבן מיר אפילו געזען אין אונדזער צייט, ווען די יידישע פרוי איז געווען די גאַנצע פּרנסה־געבערין, בעת דער מאַן איז יומם ולילה געזעסן אין בית המדרש און געלערנט.

אונטער געוויסע אומשטענדן האָט די פרוי אויך די פעאיקייט אויסצופירן די פונקציעס, וואָס זיינען, אַלס כלל, צוגעשריבן צו מענער. אָבער דערמיט נעמט דאָס ניט אַוועק דעם אינסטינקטיוון כאַראַקטער פון ביידע געשלעכטער: די קיך־באַלעבאַטישקייט, מיט אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, געהער צו דער פרוי; דער דרויסן, דאָס אָנקניפּן פאַרבינדונגען פון נאָענט און פון ווייט, דער אויסטויש פון ווערט־זאַכן, קאָנסטרוקטיווע שאַפונגען, קאַמף און צוזאַמענבונד בין אָדם לחברו — ביז צום ענד־ציל אין זין פון וועלט־אַל, איז עס געוואָרן אַ מענלעכע באַשעפטיקונג, וואָס ער האָט זיך ביז איצט דערמיט ניט געספּראַוועט אויפן בעסטן אופן...

אָבער מיר ווייסן ניט צי דאָס „שוואַכע געשלעכט" וואָלט דאָס געמאַכט בעסער, ווען זיי ווערן די „פּראַקטישע" אויספירער פון דער מיזעראַבעלער וועלט־אָרדענונג. אָבער דערווייל איז די לאַגע אַזוי, און מיר קענען בלויז ציען אַ מוסר־השכל דערפון. און לויט דעם ביז־איצטיקן איינשטעל האָט זי אַ שטאַרקע פּאָזיציע מיט איר פּראַקטישקייט. ס'איז באמת אַ „פעסטונג" אַזאַ, וואָס ווערט באַהערשט מיט אַ געבוירענעם חוש און אין אַ סך פאַלן דערגרייכט דאָס טאַקע ביזן עצם אידעאַל, און דעם מאַנס „פליען אין דער לופטן" צווישן דער געזעלשאַפט, ווערט אין דער היים אַראָפּגעזעצט צו די סאַמע גרונטן דורך די טאָגטעגלעכע נויטן, וואָס די „היים" שטעלט אים צו...

די דרויסנדיקע קאָנקורענץ אויף אַלע געביטן מאַכט דעם מאַנס אַלע אידעאַלע פּלענער אומזיכער. און דער פּראַקטישער, היימישער באָדן דאַרף פאַר אים זיין אַ רו־אָרט, וואו ער זאָל קאָנען שווימען אינם ים פון זיינע אידעאַלן. אַ היים איז אַ מקום־מקלט פון אַלע באַשטימטע און אומבאַשטימטע אַוואַנטורעס. אין אַ סך פאַלן קומט גאָר אויס, אַז דאָרט וואו הוילע פּראַקטישקייט דאַרף כלומרשט עקזיסטירן, איז דאָס גאָר דער אידעאַל!

אין דערווירקלעכקייט זיינען מיר אַזאַ קאָמפּליצירטע „איינהייט", וואָס קיינער קאָן ניט מאַכן שבת פאַר זיך. מיר זיינען אומענדלעך געקנופּט און און

משה ווייסמאַן

# פון חיפה ביזן כנרת

אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיינען מיר, איך און מיין פרוי, אַרויסגעפאָרן פון חיפה, אויפן וועג וואָס פירט צום גליל.

דער אויטאָבוס איז געווען באַזעצט מיט מענטשן פון פאַרשידענע קאָלירן: ווייסע, שוואַרצע און טונקעלע. צום מערסטנס האָבן זיך אָנגעזען די צאָל אַראַבער מיט זייערע ווייבער און קינדער.

איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט האָט דער אויטאָבוס שוין געקלעטערט אויף די באַרגיקע כבישים. די בערג און טאָלן האָבן מיר דערמאָנט אין קאַלי־פאָרניע. אָבער דאָ זיינען די בערג געווען צו מיר נעענטער: דאָס זיינען דאָך די בערג פון חומש! . . .

דער אויטאָבוס פאָרט שנעל, און אָט זע איך נאָך פון ווייטנס די פאַרזייטע ערד־שטחים, אויסגעפאָרעמטע אין לאַנגע, אויסגעקעמטע פאַסן.

מיר נעענטערן זיך שוין צו דער היסטאָרישער שטאָט „נצרת". אַ גרויסער טייל פון די פאָרנדיקע האָבן אויפגעוואַכט און זיי זיינען פול מיט התפעלות... דאָס זיינען די פרעמד־געקומענע פון פאַרשידענע לענדער. די אַראַבער, מיט זייערע ווייבער און קינדער, הייבן זיך שוין פון זייערע זיץ־פלעצער. אָט וועלן זיי אויך באַלד אַרונטערגיין.

נצרת רופט ביי מיר נישט אַרויס, ווי ביי אַנדערע, די גרויסע פרייד. אין מיר וועקן זיך אומעטיקע געדאַנקען... דער מאַן וואָס האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק זיך באַוויזן און איז געוואָרן אַ גאָט... האָבן מענטשן אין זיין נאָמען, קריסטן אין אַלע דורות, געריסן פון אונדז שטיקער...

זיץ איך רואיק, פאַרבייפאָרנדיק די שטאָט מיט אירע בערג או מיר פאָרן ווייטער אויף די גלאַטע בערג־רוקנס, ביז מיין פאַרלאָפענער בליק דערזעט דעם כנרת, ווי ער שפיגלט זיך אָפּ אַנטקעגן דעם זוניקן הימל... און אָט דערזע איך די שטאָט טבריה, די אַרומיקע בערג. די סביבה שמעקט מיט הייליקייט... אין גע־דאַנק קומען פסוקים פון חומש: „און גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן אַזוי צו זאָגן: דער געמאַרק זאָל אַראָפּגיידערן און זיך אָנשטויסן אָן דעם באַרג־רוקן פון ים כנרת." דערביי דערמאָן איך זיך, אַז מיין רבי האָט נישט איין קניפּ מיר אין באַק געטאָן, ווען איך האָב נישט געדענקט אויף אויסנווייניק וואָס גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן.

---

געבונדן און עס עקזיסטירט איבערהויפּט ניט קיין שום גרענעץ. מיר ראַנגלען זיך מיט פאַרשיידענע כוחות. די בלויזע טעאָריע פון „קאָך און עס"— שטעלט קיינעם ניט צופרידן. אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם איז יעדער טייל פון קערפּער גלייך און וויכטיק. דעריבער קאָנען מיר ניט אונטערשאַצן אָדער איבערשאַצן איינעם אויפן חשבון פון צווייטן.

פּראַקטישקייט און אידעאַל זיינען, אין גרונט גענומען, צוויי זייטן פון איין מטבע. און וואָס עס פעלט איינעם — דערגאַנצט דאָס דער צווייטער. יעדע דער־שיינונג, איטלעכע זאַך, מוז מען באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער איינזעעניש און פּיעטעט.



און אָט איצט, אין מיין שפּעטן עלטער, זע איך דאָס אַלץ מיט מיינע אויגן ווי רעאַל דאָס איז... און ווי אמת עס זיינען די ווערטער, וועלכע איך האָב אין ספרים אַמאָל געלערנט. אָט איז די שטאָט טבריה!

דאָ אין דער שטאָט האָט דער תנא רבי יהודה הנשיא מסדר געווען די משנה. און רבי יוחנן האָט דאָ מסדר געווען דעם תלמוד ירושלמי. איז נישט קיין וואונדער פאַרוואָס אין מיר איז די אומרו, גלייך ווי איך בין אַלס יינגל געזעסן אין בית־המדרש ביי אַן אָפענער גמרא און מיט דבקות זיך געשאָקלט ביים לערנען...

דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַנציע. הונדערטער מענטשן שמייען דאָ אַרום די געקומענע און אַוועקפאָרנדיקע. ווער ס׳האָט שוין באַזוכט, און ווער ס׳וועט ערשט גיין באַזוכן — די הייל־קוואַלן, די הייליקע קברים פונם רמב"ם און פון רבי מאיר בעל הנס. אַך, וויפיל גראָשנס און אפילו קאָפּיקעס פלעגט מיין מאַמע אָפּשפּאָרן פון „טיש", כדי זי זאָל קענען אַריינוואַרפן אין דער רבי מאיר בעל הנס׳ פּושקע... און איצט געפינט זיך איר איינציקער זון, משה, אין דעם גבול פון אַלע הייליקע אידן, וועלכע זי פלעגט זיי מיט אַ סך פרומקייט דערמאָנען....

מיר פאַרלאָזן דערנאָך טבריה און איך בלייב אָבער שטאַרק באַאיינדרוקט דערפון וואָס איך האָב געזען, און דאָס האַרץ האָט געזען נאָך מער פונם אויג...

מיר שטעלן זיך דערנאָך אָפּ אין דער קאָלאָניע כנרת. דאָ באַגעגנט אונדז אַ ייד מיטן נאָמען „משה־בר". ער שטאַמט פון מיינע מקומות אין דעם אַלטן פוילן. ער געפינט זיך שוין דאָ איבער דרייסיק יאָר. דאָ האָט ער „געפּאַקט און געמאָזלט", אויסגעהאָדעוועט קינדער, וועלכע דינען דעם לאַנד. ער משה־בר, קען די גע־שיכטע פון לאַנד ישראל. ער קען דאָ אַלעמען, און ער ווייסט צו דערציילן וואָס דער אָדער יענער האָט דאָ געטאָן.

משה־בר נעמט אונדז אויף ברידערלעך, דאָס זעלביקע זיין פרוי און דאָס פּופּצן יאָריקע טעכטערל. מיר גיבן זיך איבער אין זייערע הענט אַריין. זיי באַקענען אונדז מיט זייערע שכנים, מיט די אַרומיקע קאָלאָניעס, מיט דער לאַנד־שאַפט, און די פעלדער שוין פאַרזייטע. דערנאָך פירט ער אונדז ווייזן דעם ים כנרת. מיר שטייען ביי זיינע ברעגן; דאָס קלאָרע זיסע וואַסער פליסט שטיל. איך זע פונדערווייטנס ווי עס גליטשן זיך דאָרטן די קליינע פישער־שיפלעך. און פון דער אַנדערער זייט — דער שוואַרצער באַרג, דער סירישער גרענעץ...

מיר זיינען שוין נאָענט פון ירדן, דער זעלבער ירדן וועגן וועלכן איך האָב אין חדר געלערנט: אַז ביים איינגעמען ארץ ישראל, אין יענער צייט פון יהושע בן־נון, זיינען די יידן אַריבער דעם ירדן, און דאָס וואַסער איז געשפּאָלטן געוואָרן פון ביידע זייטן. און אַרום דעם ירדן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די וואונדער־ספרים פון די נביאים אליהו און אלישע.

איצט געפינען זיך דאָ אַ רייע מאָדערנע קאָלאָניעס, קיבוצים, און וויכטיקע אנשטאַלטן.

און פּונקט ווי דאָס וואַסער פון כנרת פליסט אַריין אין ירדן, אַזוי פליסן אַהער די וואַרעמע געפילן פונם גאַנצן יידישן פאָלק, פון אומעטום . . . און איך פיל גלייך ווי איך וואָלט שוין דאָ אָפּגעוועזן טויזנטער יאָרן, און פון דאַנען גאָר קיינמאָל ניט אַוועקגעגאַנגען. . .

איך בין גליקלעך וואָס איך זע מיט מיינע אויגן דאָס גרויסע געשעעניש אין אונדזערע טעג . . .

נחמיה קליין (ע״ה*)

# וועסטלעיק פּאַרק אין לאָס אַנגעלעס

## (בילד)

דער באַליבטסטער פּאַרק אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער וועסטלעיק פּאַרק, אַ מיניאַטור סענטראַל פּאַרק, מיט אייגנאַרטיקע קבייטשן. ער איז נישט גרויס: בלויז אַ פּיר סקווער בלאָק; ער איז אָבער פול מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און שיינע פּייזאַזשן: פּאַלמען מיט לולב־בלעטער פונם טראָפּישן דרום, באַמבוס פון אַפריקע, יוקאַליפּטוסן פון אויסטראַליע און גרינע יאָדלעס פון אייז־געקאָוועטן צפון. בלומען געזעצט אין האַרמאָנישע קאָלירן, אין שורות גלייכע און משופּע־דיקע, קוואַדראַט־מעסיק, דריי־עקיג... בלומען־ביימער... אָזערעס, אַ גרעסערע און אַ קלענערע, דורכגעשניטן פון אַ בולוואַר, מיט איבערבריקן פאַר אויטאָ־מאָבילן, טישן צום עסן און צו פאַרוויילן מיט קאָרטן־שפּיל, שאַך־שפּיל און דאַמקעס „באַרבעקיוס“, אָפענע בראָט־אויוונס צו בראָטן פלייש, צום קאָכן פאַר די פּיקניקערס, אַ חוץ אַ ריזיקן שפּילפּלאַץ פאַר קינדער — מיט וויגן, קאַרוסעלעס און אַלערליי שפּילערייען. אויך טישן פאַר פּיקניקערס און אַ גאַנצע „מאָנטע קאַרלאָ“ פאַר עטלעכע הונדערט קאָרטן־שפּילערס, שאַך־שפּילערס און דאַמקע־שפּילערס, מיט זייערע אייביקע קיביצערס.

דאָ זיצן מענטשן און שמועסן געמיטלעך; פון גאַנצן לאַנד, פון אַלע לענדער קומען זיי. מערסטנס „ריטייערד“, מידע, אויסגעמאַטערטע — די וואָס לעבן פון גרייטן, פון קינדער, פון פּענסיעס אָדער פון „סאָשל סעקיוריטי“. ציניקערס רופן יענעם ווינקל „כלה׳ס קאָרנער“, ווייל עס איז פול מיט געגטע, אַלמנס, אַלמנות, און אַלע זוכן שידוכים — מיט „יוניטס“ (הייזער), מיט קאַרס. יעדער ווייסט פון גליק־שידוכים, וואָס האָבן געטראָפן טאַקע דאָ אויף דער באַנק... מען זוכט צוריק די אַוועקגעפלויגענע יוגנט — אַבי נישט צו בלייבן אויף דער עלטער אַליין: טאָמער חלילה מען ווערט קראַנק, זאָל כאָטש זיין ווער, וואָס זאָל דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, אַ לעפל מעדיצין, רופן אַ דאָקטאָר. קינדער — ווי גוט זיי זיינען נישט, האָבן זיי זייערע אייגענע אינטערעסן, זייער אייגן לעבן. די אַלטע האָבן געהאַט זייערס; די יונגע ווילן בויען זייער לעבן — אַליין...

זיצן דאָ מענטשן פון אַלערליי פעלקער, טאַקע אַלע אַמעריקאַנער. אָבער דער שטאַם, ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט איז נאָך אַלץ אָפּגעשטעמפּלט אויף די פּנימער. יעדע גרופּע האָט זיך מער־ווייניק אירע אייגענע בענק, איר געטאָ. מייִנער, פאַרמערס, רענטשערס, יידן, גריכן, סקאַנדינאַוויער — אָבער מייסטנס יידן, זאָלן געזונט זיין. יעדער מיט זיינע לאַנדסלייט. אויך זיינען דאָ פאַראַן די אייביקע לינקע־רעכטע. מען דיסקוסירט, מ׳אַמפּערט זיך, אָבער מען ווערט ניט צעקאָכט. מ׳אַרגומענטירט זיך געלאַסן, פילאָזאָפיש, פּונקט ווי דער אייביק־בלויער הימל, ווי די אייביק־פרילינגדיקע נאַטור פון דרום קאַליפאָרניע.

ס׳איז דאָ כמעט ווי אויפן באָרדוואָק אין קוני־איילענד... ס׳פעלט בלויז די

---

*) דער דיכטער נחמיה קליין איז עטלעכע יאָר געווען אַ תושב אין ל. א. דאָס בילד איז פון זיינע פאַרבליבענע כתבים.



ליטעראַרישע באַנק מיט אלי׳ גאָלדבערג אַלס אָנפירער... מ׳טרייבט אָביסעלע רכילות, מ׳רעדט פון דירה־דחקות, פון שלעכטע לענדלאָרדס, פון לענדלאָרדס מיט יושר. מען באַקלאָגט זיך ווי זעקס קינדער האָבן ניט קיין אָרט פאַר איין טאַטע־מאַמע. מען גרויסט זיך מיט קינד׳ער, מיט זייער געלט אָדער בילדונג. אַמאָל דערוויסט מען זיך ווער עס שטאַמט אַרויס פון רבי ר׳ מאיר פון פּרעמיש־ליאַן, פון תוספות יום־טוב, ווער פון ווילנער גאון, ווער פון אַ טאַטן אַ שוסטער, אָבער ער פאַרמאָגט צוויי זין — די גרעסטע דאָקטוירים אין קענזעס סיטי... מען באַקלאָגט קראַנקהייטן, פּראָפעסאָרן, אָפּעראַציעס. פון די געשפּרעכן אַליין קאָן אַ געזונטער קראַנק ווערן. דער הויפּט־געשפּרעך איז — קלימאַט: אַז ווינטער איז וואַרעם און זומער איז קיל. אמת טאַקע, פאַראַן גרויסע היצן, ביז 90 און 100 גראַד, אָבער טרוקענע, געזונטע היצן. ווי גרויס ס׳זאָל ניט ווערן די היץ, איז אַלץ אין שאָטן 20 גראַד קילער; ווי הייס בייטאָג — מוז מען זיך צודעקן מיט אַ קאָלדרע.

דער שפּיגל פונם פּאַרק איז דאָס טייכל (לעיק) אינמיטן. אַרום אַ האַלב מייל רונדקייט, זילבער איינגעפאַסט אין גרינס. אַ געפלאַסטערטער שפּאַציר־וועג רינגלט עס אַרום. עלעקטרישע שיפלעך מיט ראַדיאָס גליטשן זיך אויף אים. אַ ים־ברעג אין מיניאַטור, וואו בחורים און מיידלעך אין באָד־קאָסטיומען באַקן זיך אויף דער זון און — מאַכן באַקאַנטשאַפט. איבערן גאַנצן פּאַרק ליגן מענטשן אין באָד־קאָסטיומען. אָרעמע פאָרלעך פאַרברענגען דאָ זייער האָניק־חודש, זייער וואַקאַציע.

אויפן טייכל געפינט זיך אַן אינדזעלע. אויפן אינדזעלע גאַסטראָלירן אַ צענדליק מינים פייגל: קאַטשקעס, מעוווּעס, געגנדז, אויך אַ שוואַן אָדער צוויי, וכדומה. געפינען זיך דאָרט עטלעכע פייגל שוין צענדליקער יאָרן. פשוט: זיי קאָנען ניט אַוועקפליען. ס׳האָט זיי דאָ געטראָפן אַן אומגליק: זיי האָבן צעבראָכן אַ פליגל אָדער אַ פיסל, אַרונטערגעפאַלן און געבליבן. אפשר זיינען זיי אַלט גע־וואָרן גראַד דאָ, אין קאַליפאָרניע. און ווי אויך טייל מענטשן וואָס זיצן דערביי, פאַלן אויך אויף זיי שווער די יאָרן...

פאַראַן דאָ אַ פויגל — „די מאָקינג בוירד“. ס׳איז אַ טויב, אפשר די שוואַכסטע פון אַלע טויבן־ראַסן אויף דער ערד. דער דאָזיקער פויגל האָט אַ רוף ווי אַ קוקוק, אָבער רחמנותדיק און נעבעכדיק. ער איז אַביסל קלענער פון אַ טויב, וואָרקעט שטיל, באַשיידן. ער באַהאַלט זיך. קומט אַרויס נאָך שפּייז ערשט אין גרויען קאַיאָר. פאַראַן אַ סברא, אַז די דאָזיקע טויב איז זייער אַן אַלטער מין. ס׳איז אפשר דיזעלביקע טירקל־טויב וואָס ווערט דערמאָנט אין שיר־השירים, וואָס צו איר ווערט צוגעגליכן אַ צניעותדיק מיידל, וואָס בענקט נאָך איר געליבטן, אָדער ס׳יידישע פאָלק, וואָס בענקט נאָך דער שכינה, וואָס באַקלאָגט דעם חורבן... זי האָט מורא צו כאַפּן קערנער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, פעטע, פרעסערישע טויבן. זיי האָבן אויך זייער ספּעציעלן פאַטראָן אין פּאַרק. ער קומט פאַרנאַכט מיט אַ זעקעלע שפּייז. זיי קוקן אויס די מילדע אויגן נאָך אים. זיי שוועבן אים אַרונטער אַנטקעגן, טירקלענדיק דאַנקבאַרקייט, וואָרקען און פּיקן שטיל, אונטערטעניק...

א. באַביטש

# פּעדער־שפּריצן

דער באַרימטער סאָציאָלאָג, יעקב לעשצינסקי, וועלכער פייערט איצט זיין 85 ־יאָריקן יובל, דערציילט אַ פיין ווערטל פונם ציוניסטישן פירער, דר. שמריהו לעווין, וואָס געהערט אין הערצלס צייטן:

אַ גרופּע אוגאַנדאַ־אָנהענגער רעדן וועגן אַ טעריטאָריע פאַר יידן מחוץ ארץ־ישראל, האָט דער שאַרפזיניקער דר. לעווין זיך אָפּגערופן צו זיי:

— אַ טעריטאָריע דאַרפט איר? אַ סאַנאַטאָריע דאַרפט איר!..

* * *

ביים כאַראַקטעריזירן דעם יונגן, ענערגישן פּרעזידענט קענעדי און דעם גרויסן עקזאַמען פאַר וועלכן ער שטייט איצט מיטן ענין בערלין, האָט אַ שריפט־שטעלער געזאָגט:

— פּרעזידענט רוזוועלט האָט באַוויזן, אַז אויך אַ רייכער מאַן קאָן זיין אַ גוטער פּרעזידענט; טרומאַן האָט באַוויזן, אַז יעדער איינער קאָן זיין אַ פּרעזידענט; אייזנהאַוער האָט באַוויזן, אַז מ׳דאַרף אינגאַנצן ניט קיין פּרעזידענט...

* * *

וואָס איז דער אונטערשייד פון אַן אַמעריקאַנער ביז אַ פראַנצויזישן ראָמאַן?

אַן אַמעריקאַנער ראָמאַן איז אַ מעשה וועגן אַ מאַן און אַ פרוי וואָס ליבן זיך פונם ערשטן בלעטל און האָבן חתונה אין לעצטן בלעטל.

אין אַ פראַנצויזישן ראָמאַן האָבן מאַן און ווייב חתונה אויפן ערשטן בלעטל און פון דאַן ביז צום שלוס ליבן זיי אַנדערע.

* * *

איבערזעצונגען פון אַ טייל פון שלום עליכמס ווערק זיינען לעצטנס דער־שינען אין פּעקינג, באַריכטעט אַ זשורנאַל און, אַז אייניקע פון שלום עליכמס זאַכן זיינען פאָרגעלייענט געוואָרן פון כינעזישע יוגנטלייט אין כינעזישן קונסט־טעאַטער לכבוד דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פונם קלאַסיקער פון דער יידי־שער ליטעראַטור.

* * *

מען דערציילט, אַז אין אַ היגער שול האָט דער שמש ניט געוואָלט אַריינלאָזן אַ דאָקטאָר יום־כיפּור אין שול. אויף די טענות פונם דאָקטאָר, האָט דער שמש דערקלערט פּראָסט און פּשוט: אויב איר, מר. דאָקטאָר, זאָלט זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר פון פּרנסה, וועלן דאָך אונדזערע מעמבערס פון שול מוזן קרענקען, און דאָס וועל איך ניט דערלאָזן. — אָט דאָס הייסט אַ געטרייער שמש!

* * *

אַ שלעכטער זכרון טאָר זיך נישט געטרויען; אַ גוטער זכרון דאַרף זיך נישט געטרויען.

* * *

עס איז לייכטער צו געפינען ביי אַנדערע חסרונות, ווי ביי זיך מעלות.

* * *

קיין זאַך מאַכט ניט אַזוי אַלט, ווי דאָס אייביקע שטרעבן יונג צו זיין...





## חשובע געסט אין לאָס אַנדזשעלעס

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר דאָ געהאַט אונדזער חשובן באַוואוסטן דיכטער אַלף כּץ צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי. געקומען איז ער צו אונדז כמעט ווי אינקאָגניטאָ, ד.ה. ניט אָפיציעל, אָן וועלכע עס איז שליחות. (די כּצ׳ס זון איז אַ תושב אין ל.א., זיינען זיי געקומען זיך זען מיט די קינדער). דאָך האָבן מיר ניט פאַרזען די געלעגנהייט און געהאַט מיט דעם חשובן דיכטער אַן אינטימען אָבער גאָר פיינעם קבלת־פּנים, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון גאָלדע און מאיר דראָזד אין זייער הויז. אַ היבשער אינטעליגענטער עולם, דאָס סאַמע זעמלמעל פון אונדזער יידיש־יידישער סביבה זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו באַגריסן דעם חשובן דיכטער אַלף כּץ.

אונטערן פאָרזיץ פון רעדאַקטאָר פון „חשבון“ זיינען אויפגעטראָטן אַ צאָל מיטאַרבעטער פון דער שריפט, מיט באַגריסונגען און פאָרלייענונגען. יחזקאל בראָנשטיין האָט געלייענט אַ קורצע עסיי וועגן אַלף כּצ׳עס דיכטונג. מאַטעס דייטש, ז. בונין און פּינטשע בערמאַן, האָבן וואַרעם באַגריסט דעם חשובן גאַסט. דער וואָרט־קינסלער, יצחק רויטבלום, האָט פאָרגעלייענט פון כּצ׳עס שאַפונגען.

צום שלוס האָט אַלף כּץ וואַרעם באַדאַנקט די דראָזדעס פאַר זייער גאַסט־פריינדלעכקייט, איינצואָרדענען פאַר זיי אַזאַ פיינעם קבלת־פּנים, און האָט דער־נאָך פאָרגעלייענט אַ ציקל פון זיינע נייע לידער, וואָס וועלן אַריינגענומען ווערן אין זיין נייעם בוך, וואָס וועט בקרוב זיין גרייט צום דרוק. ביי פיינעם כּיבוד האָבן די פאַרזאַמלטע זיך משמח געווען מיט די זייער חשובע געסט, חבר און חברה אַלף כּץ.

## אַברהם ליס, גאַסט פון ישראל

דער שריפטשטעלער, אַברהם ליס, איז געקומען קיין אַמעריקע פון ישראל אין אַ שליחות פון ייוו״א. כמנהג, ווען עס קומט אַ שליח פון ישראל, קומט ער תמיד מיט אַ מיסיע צו שאַפן פאָנדן פאַר ישראלס אנשטאַלטן. אין איצטיקן פאַל איז געקומען צו אונדז אַ ישראלי אָנצופירן מיט אַן אַקציע לטובת דעם ייוו״א אין ניו־יאָרק. דאָס איז אָן און פאַר זיך אַ דערשיינונג וואָס איז ווערט צו באַגריסן

פון גליק צום אומגליק איז איין שריט; פון אומגליק ביז צום גליק איז מיילן ווייט.

* * *

איין געדאַנק ווערט געבוירן פון אַ צווייטן געדאַנק, גלייך ווי איין ליכט צינדט מען אָן פון אַ צווייטן ליכט.

* * *

אַ שלעכטער צאָלער איז געגליכן צו אַ שנעלצוג — פייפט און אַנטלויפט.

* * *

יוגנט איז דער שענסטער מאָמענט אין לעבן, אויב מ׳ווייסט נאָר ווי עס צו שאַנעווען.

און, עס גיט אונדז אויך דעם באַגריף וועגן דעם אידעאָלאָגישן מהות פון אונדזער חשובן גאַסט א. ליס. חוץ ייווא״א־טוער און פאָרזיצער פון ייוו״א אין ישראל איז א. ליס אַן אָנפירנדיקער קולטור־עסקן, באַקאַנטער שריפטשטעלער, קריטיקער, עסייאיסט און רעדאַקטאָר פון די יידישע פּראָגראַמען פון דער „קול ישראל" ראַדיאָ אין תל־אביב.

לעצטנס איז דערשינען אין דעם י. ל. פרץ פאַרלאַג זיינס אַ בוך קריטישע עסייען, וועגן שרייבער און זייערע ווערק, א״נ „היים און דויער." דאָס בוך אַנטהאַלט זעכציק קריטישע עסייען פון דער יידישער און טיילווייז אויך פון דער העברעאישער ליטעראַטור. אַברהם ליס האָט געווײלט דאָ איבער זעקס וואָכן און איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן ביי דער ל.א. יערלעכער קאָנפערענץ פון ייוו״א, ביים יידישן קולטור קלוב, נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, אַרב. רינג, פרויען לייען־קרייזן א.אַ. ער האָט דאָ אויך אַקטיוו אָנגעפירט מיט דער אַקציע לטובת דעם ייוו״א.

## ד״ר חיים פּאָמעראַנץ און דיכטערין פּעסי הירשפעלד־פּאָמעראַנץ

שבת אָוונט, 31טן דעצעמבער, האָט דער קולטור־קלוב אויפגענומען די חברים פּאָמעראַנצעס ביי אַ גאָר פיינעם קבלת־פּנים לכבוד זייער באַזוך אין ל.א. חבר פּאָמעראַנץ האָט צו דער געלעגנהייט פון דעם 100 יאָריקן געבוירנטאָג פון מאָריס ראָזענפעלד געהאַלטן אַ פּרעכטיקן רעפעראַט וועגן ראָזענפעלדס לעבן און שאַפן. די דיכטערין, פּעסי הירשפעלד־פּאָמעראַנץ, האָט געלייענט פון אירע לידער. חיים שאַפּיראָ, פאָרזיצער פון היגן ייוו״א קאָמיטעט, האָט באַגריסט די חשובע געסט, און דער עולם האָט זיי זייער וואַרעם און חבריש אויפגענומען.

דער קבלת־פּנים איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פונעם רעדאַקטאָר פון „חשבון".

## אַ פאַרדינסטפולער יובילאַר

דער 65 יאָריקער יובילײ פון פּראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן איז געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ גאָר פייערלעכן און גרויסאַרטיקן אופן, אין מעקסיקאָ סיטי, וואו דער בעל־היובל איז אַ חשובער לאַנג־יאָריקער תושב און האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן צו דעם גייסטיקן מהות פון דאָרטיקן אַקטיוו, שפּרודלדיקן, יידיש־קולטורעלן ישוב.

חוץ די אָרטיקע פייערונג פון זיין 65 יאָריקן געבוירנטאָג, האָבן אָנגעזעענע שריפטשטעלער פון דער יידישער פּרעסע אין ניו־יאָרק, ווי ד״ר מאַרגאָשעס, יעקב גלאַטשטיין, בן־ציון גאָלדבערג א״אַ, געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן סאָלאָמאָן קאַהאַן, דעם עסייאיסט, פּובליציסט, מוזיק־קריטיקער אין יידיש און שפּאַניש.

ס'איז אונדזער כבוד צו פאַרצייכענען, אַז סאָלאָמאָן קאַהאַן איז אונדזערער אַ חשובער מיטאַרבעטער, פון צייט צו צייט. דער „חשבון" און די קאָלעגן ביי דער שריפט זיינען זיך מתיחד מיט די אַלע ברכות טובות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צום חשובן בעל־היובל.



## אָוונט געווידמעט דעם טאָפּל־נומער (27־26) „חשבון"

שבת, דעם 28טן אָקטאָבער, האָט דער קולטור קלוב געווידמעט דעם אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון דעם לעצטן נומער „חשבון". דער רעדאַקטאָר פון דער שריפט האָט אין זיין אַריינפיר זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם תוכן און די באַטייליקטע אין דעם נומער, און אויך וועגן דעם מצב פון די קלענערע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וועלכע האָבן ניט אונטער זיך קיין פּאָליטישע פּאַרטיי אָדער אַ באַוועגונג וואָס זאָל זיי שטיצן; זיינען עס ס'רוב די חובבי יידיש מיט אַ באַציאונג צום בעסערן געדרוקטן וואָרט, זייער עיקר פּעריפעריע.

יחזקאל בראָנשטיין האָט געלייענט אַן עסיי וועגן ה. רויזענבלאַטס שאַפונגען; מאַטעס דייטש האָט רעפערירט וועגן דיכטונג און פּראָזע; פּינטשע בערמאַן האָט געלייענט פון זיינע נייע לידער און די טאַלאַנטירע פאָלקס־זינגערין, לאה גרין, האָט פאָרגעטראָגן אַ קראַנץ לידער פון איר יידישן און העברעאישן רעפּערטואַר.

## אָוונט פון ל. א. פּע״ן קלוב

אין שטוב פון דעם דיכטער ז. בונין, איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישע מסיבהלע פון דעם ל.א. פּע״ן־קלוב און זיינע פריינט. דער פאָרזיצער פון פּע״ן, י. פרידלאַנד, האָט געעפנט דעם אָוונט מיט אַן אַריינפיר וועגן גייסטיקן מצב פון יידיש־שעפערישן מענטשן און זיין סביבה. ער האָט דערנאָך פאָרגעשטעלט דעם דיכטער ז. בונין, און ער האָט פאָרגעלייענט זיינס אַ ליד. מאַטעס דייטש און יחזקאל בראָנשטיין האָבן פאָרגעלייענט עסייען וועגן א. סוצקעווערן; פּינטשע בערמאַן האָט געלייענט פון זיינע לידער, און מרדכי מייזל, באַקאַנטער טעאַטראַל, האָט פאָרגעלייענט לידער פון פּאַפּערניקאָוו. נאָך דער פּראָגראַם האָבן די בונינס סערווירט פיינעם כיבוד.

## לאָס אַנגעלעסער ייוו״א קאָמיטעט

האָט דאָנערשטיק אָוונט, דעם 28טן דעצעמבער, איינגעאָרדנט אין דער גאַסטפריינדלעכער היים פון חברה גאָסי שערמאַן, אַ זייער דערהויבענעם אָוונט מיט ד״ר חיים פּאָמעראַנץ, מיטגליד פון דירעקטאָרן־ראַט פון ייוו״א און אויך פאָרזיצער פון ייווא קאָמיטע אין שיקאַגאָ.

ד״ר חיים פּאָמעראַנץ איז איצט לעקטאָר איבער יידישע קולטור, פאָלקלאָר און ליטעראַטור אין רוזוועלט קאַלעדזש אין שיקאַגאָ.

אין דעם אָוונט האָט ד״ר פּאָמעראַנץ געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „אַברהם ליעסין — דער דיכטער פון משיחישע פּראָבלעמאַטיק."

## קאָונסיל פון די פרויען לייען-קרייזן

האָט אונטער דעם פאָרזיץ פון חברה ראָוז באַלאָט, דורכגעפירט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן בייטראָג לכבוד דער חשובער דיכטערין, פּעסי העשפעלד פּאָמעראַנץ, אין זאַל פון ל.א. יידישן קולטור קלוב. די דיכטערין, גאַסט פון שיקאַגאָ, האָט פאָרגעלייענט אַ ציקל פון אירע לידער. דער דיכטער־עסייאיסט, מאַטעס דייטש, האָט געגעבן אַן אָפּהאַנדלונג פון פּעסי הערשפעלדס פּאָעטישע שאַפונגען. ד״ר חיים פּאָמעראַנץ'ס אנטייל אין דער מסיבה מיט זיין עלאָקווענט וואָרט, האָט בייגעטראָגן וואָג צום דעם זייער פיינעם צוזאַמענקום.

## אליעזר בלום פון ניו־יאָרק און יחיאל האָפּער פון ישראל — די געווינער פון דער צווייטער יערלעכער ליטעראַטור־פּרעמיע פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד

שבת אָוונט, דעם 20טן יאַנואַר, 1961, וועט אין ל. א. יידישן קולטור קלוב געיום־טובט ווערן די פייערונג לכבוד דער אויסטיילונג פון דער צווייטער יערלע־כער פּרעמיע פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד, פאַר דער בעסטער דער־ציילונג און דעם בעסטן עסיי פון יאָר 1961.

די זשורי, וואָס באַשטייט פון די חברים ה. לאַנג, יחזקאל בראָנשטיין, מאַטעס דייטש און דער פּרעמיע־געבער, קאָלעגע י. פרידלאַנד, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַדורכגעשטודירט אַ צוויי־צענדליק מאַנוסקריפּטן — צוגעטיילט די צוויי פּרע־מיעס צו די חשובע שריפטשטעלער: אליעזר בלום, פאַר זיין דערציילונג אין ראש־השנה נומער „יידישער קעמפער", א"נ „אין די הויכע פענצער", און דעם שריפטשטעלער, יחיאל האָפּער, פאַר זיין עסיי „דאָס פּינטעלע ייד", אין דעם נומער 40 „גאָלדענע קייט." ביידע פּרעמיעס צו 200 דאלער וועלן אויסגעטיילט ווערן צום:

## פייערלעכן ליטעראַטור־אָוונט און וואָרט־קאָנצערט שבת דעם 20טן יאַנואַר, 1962, אין ל. א. יידישן קולטור קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס

אין דער פּראָגראַם פון דער פייערונג וועלן זיך באַטייליקן: דער באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער, אברהם זיגלבוים; די שריפטשטעלער: יחזקאל בראָנשטיין, מאַטעס דייטש,די דיכטער: פינטשע בערמאַן און מלכה טוזמאַן. שריפטלעכע באַגריסונגען מחוץ ל. א. און באַגריסער פון קולטור־קלוב, פע"ן־קלוב א"אַ. דער פּרעמיע־געבער, י. פרידלאַנד, וועט אין זיין שלוס־וואָרט פאַרטיילן די פּרעמיעס צו די גליקלעכע געווינער.

די פּרעמיע־פייערונג וועט געפירט ווערן אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם שריפטשטעלער ה. לאַנג.

## דער „שבת־טיש" אין ל. א.

איז געוואָרן דאָ אַ חשובע אינסטיטוציע. בערך אַ צען מנינים חברים און חברות קומען זיך צונויף פרייטיק־צונאַכטסן אין אינסטיטוט פאַר יידישער דער־ציאונג" און פּראַוועו אַן עונג־שבת. ביים „שבת־טיש" ווערט דורכגעפירט אַ ליטעראַרישע פּראָגראַם אין גייסט פון שבת־קודש. מען לייענט פון דער יידישער ליטעראַטור; מע רעדט פון דער „סדרה" פון דער וואָך; עס ווערט געזונגען דאָס יידיש ליד; פאָרגעטראָגן רעציטאַציעס און, ביי שיין־געגרייטע טישן, לכבוד שבת, אונטערן פאָרזיץ פון חבר משה שולוויס, ווערט געפּראַוועט דער אייגנאַרטיקער „שבת־טיש".



## משה גראָסמאַן ע"ה

אין יונגן עלטער פון 57 יאָר איז ער מיטאַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער "יידישלאַנד„ אַ ברויזנדער שפּערישער טאַלאַנט, מיט אומבאַגרעניצ־טער ענערגיע, האָט ער באַשאַפן אַן אייגנאַרטיקע חודש־שריפט „היימיש", וואָס האָט נית געהאַט צו זיך קיין גלייכן.

דורך די ליט־כראָניק און אַקטועלן אין דעם תל־אביבער „היימיש" האָבן מיר גיכער דערוואוסט זיך פון ליטעראַרישע נייקייטן און פּאַסירונגען אין יידישן אַמעריקע, איידער פון די ליט. שריפטן אין ניו־יאָרק.

אין זיין וואַרעמער באַגריסונג צו אונדזער 25טן נומער „חשבון" האָט ער אונדז, צווישן אַנדערן, געשריבן:

„ווער נאָך ווייסט וואָס הייסט אַרויסגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט אין יידיש?!"

משה גראָסמאַן איז באמת געווען אַן אונדערמידלעכער, בלב ונפש איבער־געגעבענער טוער און שאַפער פון דאָס ווערק „היימיש" ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ווער ווייסט צי ס'וועט זיך געפינען נאָך אַזאַ נאָוואַטאָר, וואָס וועט קענען ממשיך זיין אין גייסט און אין טעכניק, וואָס אים איז אַזוי קינסטלעריש געלונגען צו באַשאַפן אַזאַ אייגנאַרטיקע שריפט ווי „היימיש". ווער ווייסט?!...

אַ גאָר גרויסע אַבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור און בעסערן יידישן זשורנאַליזם. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

## משה לייב קאָפּעלאָף ע"ה

אין עלטער פון 70 יאָר, כ"ב טבת, פרייטיק, דעם 29טן דעצעמבער, איז אונדזער ליבער חשובער חבר, משה לייב קאָפּעלאָף, פינאַנץ סעקרעטאַר פון קול־טור קלוב, נפטר געוואָרן. במשך 35 יאָר איז קאָפּעלאָף בלב ונפש געווען צוגע־בונדן צום ל..א. קולטור־קלוב; ניט געשפּאָרט זיין מי און אומדערמידלעכער ענערגיע, כדי דער קולטור־קלוב זאָל אָרגאַניזאַטאָריש זיין געשטאַרקט און מאַטעריעל גע־זיכערט. דאָס צו דערוויזן האָט זיך געפאָדערט ערלעכע איבערגעבנקייט, פעאיקייט און טאַקט, און משה לייב, אַלס פינאַנץ סעקרעטאַר און פּראַקטישער פאַרוואַלטער, האָט ער די אַלע מעשים טובים, אין אַ גאָר גרויסער מאָס פאַרמאָגט.



די מיטגלידער פון קלוב און אַלע וואָס זיינען געקומען מיט אים אין טרויער האָבן אים הויך געשאַצט און ליב געהאַט.

וואו און אין וועלכער אָרגאַניזאַציע משה לייב איז געווען אַקטיוו, איז ער תמיד געווען אין דער אָנפירערשאַפט: אין די שלום־עליכם שולן אין נ"י, אין אַר. רינג, אין נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, פרץ הירשביין צווייג און אין קולטור קלוב; אומע־טום האָט ער מיט זיין חשובער פערזענלעכקייט אויפגעלעבט די אָרג. און זי האָט מצליח געווען אין איכות און אין כמות.

צו אונדזער אַלעמענס צער און טרויער איז ער צו־פרי פון אונדז אַרויסגע־ריסן געוואָרן. די מיטגלידער און אַלע זיינע פריינט וועלן משה לייבן נית קענען פאַרגעסן. מיר שיקן אונדזער טרייסט צו זיין ליבער פרוי אַניוטאַן, זיין זון גרשון און משפחה. כבוד זיין הייליקן און לויטערן אָנדענק. (רעד.)

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע

**בערל בוים: „געקנופּט און געבונדן"** (דערציילונגען). דער מחבר שילדערט דאָס שטעטל פּעלשטין פון דער אַלטער היים, ווי דאָס רוב שטעטלעך וואָס זיינען שוין ליידער מער ניטאָ. פּעלשטין איז חרוב געוואָרן אין דער צייט פון די פּעטליוראָווצעס, וועלכע האָבן דאַן אויסגעקוילעט אַלע יידישע תושבים. דער מחבר שילדערט עכט און פּרעציעז אַ צאָל אינטערעסאַנטע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט דאָס שטעטלשע לעבן און געשעענישן.

דאָס בוך פאַרנעמט אויך אַ היבשן אָפּטייל מיט די אָפּקלאַנגען פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ניו־יאָרק, בעיקר פון דעם טרויעריק־באַרימטן „טרייענגל" פייער", וואָס איז באמת אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס האָט געפונען אַ חשובן תיקון אין דער שילדערונג פון בערל בוים'ס פעדער.

אַגב האָט די דאָזיקע אַרבעט פון בערל בוים אים געבראַכט אַן אויסצייכענונג פון„ייוואָ".

* * *

**משה שולשטיין: „בלומען פון באַדייער" (לידער און פּאָעמעס)**

צייכענונג פון מאַנע קאַץ, בען און א. קאָלניק; הילע און מיטל־בלעטער — בען. דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון יידישע שרייבער און קינסטלער אומגעבראַכטע אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס בוך איז פּראַכטיק שיין אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „די גאָלדענע פּאַווע", פּאַריז, 1959, 260 ז"ז.

* * *

**סאָלאָמאָן קאַהאַן: ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע פאַרצייכענונגען**

אַ זאַמלונג פון קריטישע עסייען איבער אַ געקליבענע צאָל דיכטער, עסייאיסטן און זשורנאַליסטן. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער אַשכנזישער קהילה אין מעקסיקע (קולטור דעפּ.) דאָס בוך ענטהאַלט 391 זייטן — 1961.

**חוה ראָזענפאַרב: „דער פויגל פון געטאָ"**

טראַגעדיע אין 3 אַקטן און 6 בילדערדער, מיט אַריינפיר־וואָרט פון דער מחברין. אַרויסגעגעבן פון דר. מאָרגנטאַלער, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 181 זייטן, 1958.

* * *

**דאָראַ בייראַק: „ליכט און שאָטן"**

געקליבענע לידער. פינף אָפּטיילונגען: געוועבן, געראַנגל, ביים ראַנד פון לעבן, יונגע יאָרן, גרינע ערד. אַרויסגעגעבן פון דאָראַ בייערק בוך קאָמיטעט. צייכענונג פון קיווע אייזן. 1961 לאָס אַנגעלעס, 180 זייטן.

* * *

**אברהם באַביטש: „זכרונות און פעדער־שפּריצן"**

אַרויסגעגעבן פון א. באַביטש יובל־קאָמיטעט אין ל.א. חוץ די זכרונות איז אויך פאַראַן באַגריסונגען פון אַ צאָל פּערזענלעכקייטן מיט וועלכע דעם מחבר איז אויסגעקומען מיטצוּאַרבעטן אין זיין אַקטיוו געזעלשאַפטלעכן לעבן: ל. סיגאַל, סעקר. פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד; ש. באָנטשעק, אליהו טענעהאָלץ, א"אַ. אויך באַגריסונגען פון זיינע געראָטענע זין און טעכטער. טעכנישער רעדאַקטאָר: י. ל. מאַלאַמוט. שערבלאַט געצייכנט פון ב. מלחי. ענטהאַלט 128 ז"ז—1961, ל.א., קאַל.

* * *

**משה עטינגער: „פייגל ביי מיין פענצטער" (לידער)**

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „זיין", ניו־יאָרק, 1961, 94 זייטן.

* * *

**ראובן שטרובל ע"ה: „מיין דראַנג"**

(לידער) מיט אַריינפיר וואָרט פון דוד ראַפּאָפּאָרט, ביאָגראַפישע נאָטיצן פון שלמה גרינשפּאַן. שער־בלאַט און אילוסטראַציעס פון שפרה שטרובל. אַרויסגעגעבן פון שפרה שטרובל. געבונדן 32 זייטן — 1961.



**יעפים ישורין: ביבליאָגראַפיעס**

שמעון פרוג און יואל ענטין, 1960.

* * *

**וולאַדימיר גראָסמאַן: „געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין"**

בריוו צווישן די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן. הילע און צייכנונג פון בען. אַרויסגעגעבן פון מחבר אין פּאַריז. 238 ז"ז — 1961.

* * *

**„נייע יידישע שול"**

זאַמלונג מיט פּעדאַגאָגישע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן. אַרויסגעגעבן דורך דער נייער יידישער שול, י. ל. פּרץ, אין מעקסיקאָ, סעפּ. יאָר־בוך, 1961.

* * *

**דוד פלאַקסער: „אידעאישע שלימותן און האַלבע אמתן"**

(עסיי) מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון ד"ר ישעיהו אוסטרי־דן. פאַרלאַג י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, תל־אביב, ישראל, 1960.

* * *

**אליעזר גרינבערג: „צענטראַלע מאָטיוון אין ה. לייוויקס שאַפן"**

הויפּט פּאַרקויף „ציקאָ", ניו־יאָרק, 1961.

* * *

**יהושע ריווין: „מיין טאַטנס ברכה"**

(לידער) בילד פון מחבר. שער־בלאַט צייכענונג פון הערשל דאַנילעוויטש. דאָס בוך האָט 5 אָפּטיילונגען: „גאָט'ס אות, פון גאָט באַשערט, אַ טאָג איז אַריבער„ טויט און לעבן, ס'לעבן איז אַ חתונה. צו באַקומען ביים מחבר, י. ריווין, 2124 בראָק פּאַרק ראָוד, קליוולאַנד אָ., אָדער אין רעד. פון „חשבון".

* * *

**רבקה קאָפּע: „שטערן אין מיין שויב" (לידער)**

פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן פון דער מחברין אין פּאַריז. דאָס בוך האָט זעקס אָפּטיילונגען, 207 ז"ז—1961.

* * *

**אַלמאַנאַך יידיש —**

אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. 34 באַטייליקטע שרייבער מיט עסייען, לידער און דערציילונגען. רעדאַקציע קאָלעגיע: יעקב פּאַט, מלך ראַוויטש; זייוויל דיימאָנט, רעד. סעקרעטאַר. 416 זייטן, ניו־יאָרק, 1961.

* * *

**יעקב כהן: „אונטער סאָוועטישע הימלען" (דערציילונגען)**

שילדערט די איבערלעבונגען פונם מחבר אונטער די סאָוועטן. דאָס בוך באַשטייט פון 55 קאַפּיטלען. צו באַקומען ביים מחבר און אין ציק"א. אַרויסגעגעבן אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג, ישראל, 1961.

* * *

**משה גלאַזער: „גוויים זינגען"**

(לידער). ס'איז דאָס פינפטע ביכל וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „משה", לאָס אַנגעלעס, אין די לעצטע פאָר יאָר. דערשינען אין 1961.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„קינדער צייטונג", „זיין", „אויפסניי", „אויפן שוועל", „אילוסטרירטע בלעטער", „דער שפּיגל", „שריפטן", „אַרגענטינער ביימעלעך", „דווקא", „די שטימע", „דער וועג", „פּאָראויס", (מעקסיקע); „אונדזער וועג" (שיקאַגע) „היימיש", „פּראָבלעמען", „ידע עם" במה לפולקלור יהודי, „בליצן" (תל־אביב, ישראל).

---

**יידישער לייענער!**

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון"—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

# איר וועט דאָ געפינען אייער נאָמען

## אונדזער האַרציקן דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט, קאָלעגן, נייע און באַנייטע אַבאָנענטן פאַר דעם „חשבון":

א. באַביטש, משה וויסמאַן, ד"ר קאַרל שוגער, יאָסל דראָזד (קליוולאַנד), י. גאַרפינקל (סאַן פראַנציסקאָ), ראָוז סלאָבאָדקין, דאָרע קליין (ברוקלין), פּינטשע בערמאַן, ס. מאַרגוליס (קעמדען, ניו־דזש.), משה צוקער (ניו־יאָרק), פּעסי פּאָמע־ראַנץ (שיקאַגע), ס. מאַנאַ יאַפּע, א. מאַרדען, הערשל עפּשטיין, בערעק פּעלנער, מאָריס מייערס, יוסף שוואַרץ (פּעטאַלומע), מרים הערשבערג, יעקב אַדלער (פּלאָ־רידע), אַנאַ סאָלאָוו בושעל, לואיס שקאָלניק (קליוולאַנד, ראָטענבערג, שעכטער, אליעזר דאָרין, ווישנאָף, לוי גאָלדבערג (ברוקלין), בערל בוים (ווילקעסבאַר), נח גאָלדבערג (ברוקלין), גאָלדע דראָזד, ז. בונין, ראָוז געסין, ישראל גובקין, יצחק ניומאַן, ל. ראָזאָף, (ניו־יאָרק), בען פליישמאַן, ס. לענאָוו, איווא פּאַרגינעס, רות גודמאַן, יהושע גוטניק, מ. פּערלאָ (סאַנטאַ מאָניקאַ), אַדעל אָפּפּער, י. ריווין (קליוולאַנד), לאָטי מלאך, איידע שטיינבערג, מאָריס פריד (פּאַטערסאָן, נ. דזש.), מרדכי דומינעץ (פּאָרטלאַנד, מעין), ל. סטאָון, מאַטעס דייטש.

---

**אַ באַזונדערן דאַנק צו אונדזערע ליבע, טייערע חברים:**

## יוסף און דזשעני וויינמאַן און שלמה און צילי צוקערמאַן

**פאַר זייער וואַרעמער שטיצע, פון צייט צו צייט, צום „חשבון"**

---

## תיקון טעות

אין דער רשימה פון די ביישטייערער צום פאָנד פון יידישן קולטור־קלוב זיינען פאַרזען געוואָרן די פאָלגנדיקע נעמען:

בען און מיני צוקערמאַן—$15; חבר און חברה שטראַסבערג—15; בתיה ביילין—$10; דזשוליוס און אַנאַ אַראָהה—$5. אויך אין דעם ענגלישן בעקראָלאָג פון ראַלף קליין איז אַרויסגעפאַלן צווישן די נעמען פון דער משפחה: ט אָ ב י ק ל יי ן — די פרוי פון דעם נפטר. וטעות לעולם חוזר.

---

## אויפמערקזאַם, לייענער פון חשבון!

אונדזער חשובער קאָלעגע, א. כראַבאָלאָווסקי, איז לעצטנס ניט אין בעסטן געזונט; האָט ער אונדז געבעטן מיר זאָלן אים באַפרייען פון דער אַחריותפולער אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון אונדזער שריפט. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה, פיל געזונט און אריכת ימים.

אונדזער שטענדיקער מיטאַרבעטער, דער חשובער דיכטער מאַטעס דייטש, האָט איבערגענומען די נויטיקע עובדה, אַלס דער סעקרעטאַר פון „חשבון".

מיר בעטן אונדזערע אַבאָנענטן, וועלכע זיינען הינטערשטעליק אין זייער אָפּצאָל, אַריינצושיקן זייער חוב צו אונדזער נייעם סעקרעטאַר:

Mattes Deitch - 1246 No. Orange Dr. - Los Angeles 38, Calif.